STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03518

SHTEGN IN LIKHT

Chaim Plotkin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים פלאָטקין / שטעגן אין ליכט

חיים פלאָטקין

שטעגן אין ליכט

לידער און פּאָעמעס

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
הילפספאַנד פאַר יִדיש־שאַפונג
תל־אביב, תש"ן — 1990

חיים פלוטקין
שבילים באור
שירים ופואמות

CHAIM PLOTKIN

SHTEGN IN LIHT
Poems

פאָרטרעט געצייכנט: נעמי קאַץ־פּלאָטקין

©
כל הזכויות שמורות:

Printed in Israel 1990
נדפס בישראל 1990

פאַרלאַג „ישראל־בוך"
הילפספאַנד פאַר יידיש־שאַפונג
רחוב איתמר בן־אבי 4, תל־אביב, ת.ד. 1777

Israel-Book Publishing House
4, Itamar Ben-Avi Str. Tel-Aviv, P.O.B. 1777

דפוס „שמגר 1986", ת"א, טל. 828704

פון אָנהייב

ער וואַכט אויף

כ׳וועל דערציילן פון אַ טרוימער אַ ייִד,
וואָס שפּאַצירט אין שפּעטער שעה
און ציילט אויפן הימל די שטערן.
פון ציילן — יעדער ציפער און חשבון —
דערהייבט זײַן געמיט
מיט פרייד ביז טרערן.

דער פאַרחלומטער ייִד,
אַ פאַרליבטער אין דער לבנה,
אין זילבער־גלאַנץ פון ספערן,
זינגט אַ ליד
וואָס זײַן מאַמע האָט געזונגען בײַ זײַן וויג —
אַ ניגון וואָס צעפינקלט די שטערן.

אויף די שטילע גאַסן אויך די שטיבלעך שוין שלאָפן.
בײַם בוים מיט אַ פייגל־כאָר
ער בלײַבט ווי צוגעשמידט צום אָרט.
איבערן בוים, אויפן וואָלקן־טײַך,
זײַן שטעטעלע רוזשאַן ער זעט שווימען.
די פייגל זענען צון אים אַרויפגעפלויגן,
און מיט אויסגעשטרעקטע הענט
צו זיי ער וויל קומען.

און פון חלום
וואַכט אויף אַ באַגינען — — — —

1985

פעדעם

גליִענדיק גאָלד
פעדעם פון זון —
מיט פונקען מאָלט:

פעדעם פון באַוול, וואַטע און זייַד,
מיט נאָדל אַ פידל —
דעם גוף באַקליידט,

יעדעס ברעקעלע פון געביין
אָן פעדעם וואָלט געווען
נאַקעט, „עלנט ווי אַ שטיין".

וואָלקנס מיט אַ ליכטיק פנים
אויפן ימיקן הימל
צווישן פעדעם-פליגל שווימען.

בייַנאַכט, די לבנה אין אַ רינג פון שטערן —
פון אָט די זילבערנע פעדעם
שפיגעלער ווערן
— — — — — — — — — — — —

...ווי אַ פאַרמער אַקערט און זייט,
יאָרן דורך אַנאַנד כ׳האָב קליידער געניייט.

1986

ניט פֿאַרבאָרגן

טעמפּע זעגן פֿאַלמעסן די שפּעטע שעהען,
אַ שׂרפה האָט פֿאַרבלאָנדזשעט, אַרײַן אין מײַן מויל,
די מידע ווײַזערס זוכן ערגעץ־ווו צו רוען —
הייסן מיך פֿאַרגעסן אינעם שקר־קול...

דער טעלעפֿאָן פֿאַרגליווערט, ס'מײַדט אים אויס מײַן בליק,
ווי עמעץ וואָלט דעם מוסר דערוואָרגן.
מײַן דיל איז געוואָרן אַ צעוויגטע בריק —
דער צווייפֿל איז שוין מער ניט פֿאַרבאָרגן...

1961

אַנטלאָפן

די באַן איז געקומען און דו ביסט אַוועק.
די שינעס, ווי שלאַנגען וואָלטן דאָ געקראָכן,
כ'האָב פּאַוואָליע זיך געשלעפּט אויפן שמאָלינקן שטעג,
ווי די רעדער פון דער באַן וואָלטן מײַנע פּיס צעבראָכן.

אַ צעשראָקענער שאָטן האָט געטרײַ מיך באַגלייט,
צום שטעטעלע וואָס איז שוין שעהען־לאַנג געשלאָפן.
פאַרוואָס האָב איך זיך פלוצעם אַזוי נאַריש דערפרייט
וואָס דאָס רעפטל לבנה איז דער באַן נאָכגעלאָפן?...

1962

צו מײַן שטעטעלע

דיר איז נאָך ניט באַשערט דאָס גליק און די פרייד
צו פאַרגעסן אויף אייביק דעם גרויל פון פּאָגראָמען...
בײַם נאַרעוו ביסטו געבונדן און צעבײַלט —
גליט נאָך הייסער אין מיר איצט דײַן נאָמען.

ניט ווײַל מײַן וויגל איז דאָרטן געשטאַנען
און ניט ווײַל כ׳בין ווילד געוואַקסן אויף דײַנע גאַסן;
נאָר ווײַל כ׳האָב שוין איינמאָל געזען דיך אין פלאַמען
ווען מיר זענען אין אַנגסטן געלעגן אין קעלער נאַסן.

שטעטעלע אין לאַפּטשעס און לאַטעס, —
אַזוי האָבן דיך די פּאַנעס געקליידט,
און די בעבעבעס געשלעפּט פון די הילצערנע כאַטעס
דיר איז ניט באַשערט נאָך דאָס גליק און די פרייד.

נײַ־געבוירן וואָלט געוועזן מײַן שוועסטער מיט אירע קינדער,
אויף זייער גורל וואָלט די מאַמע דאָ מער ניט געדאַרפט קלאָגן.
דער משפחה וואָלט איך געבראַכט בלומען — יעדערן באַזונדער —
ווען כ׳קאָן די בשורה, די פריילעכע, זיי אָנזאָגן.

נאָר אַ שטיק שוואַרצן פלעק זע איך איצט אויף דער מאַפּע,
און דיך, מײַן שטעטעלע, — כאָטש ווי אַ פּינטעלע די גרויס —
שטיקט און וואַרגט די מערדערישע לאַפּע,
שרײַסטו און מאָנסט דורך מיר דאָ אַרויס.

באַגיסן זיך מײַנע באַקן מיט טרערן, —
פאַר מײַן ווײַב וואָס כ׳האָב זי יונגליש פאַרשעמט...
כ׳בין גרייט איצט נעמען צעשערן
אויף באַנדאַזשן פאַר איר מײַן העמד.

אַ נאַכט אַ גאַנצע וועל איך הײַנט ניט שלאָפֿן;
ביז די ערשטע פֿעדים פֿון דער זון
וועל איך די ראַדיאָ האַלטן אָפֿן.
אפֿשר, טאָמער,
אפֿשר האָט אַ נס דיר געטראָפֿן...

1939

ווי ווייַן פֿונעם כּוס

עס האָט מײַן מאַמע מיט ליבשאַפֿט
מיך דעם אַלף־בית געלערנט,
מיט אַ צאַרט קול,
ווי בײַם טײַטש־חומש איר ניגון:
פֿאַר מײַנע אויגן האָבן די אותיות
פֿונעם סידור געשטערנט,
ווי דער שמייכל פֿון איר פּנים
בעת מײַן ברודערל כ׳טו וויגן.

פֿון גיין אַ וואָך אין חדר
מײַן מאַמעס אויגן פֿולע מיט חידוש,
וואָס כ׳זאָג קלאָר אין דער פּרי מודה־אַני,
און פֿון יעדער אות
איך פֿיל אַ טעם אויפֿן גומען
ווי ווײַן פֿונעם כּוס —
פֿרײַטיק, בײַ די שבת־ליכט,
ווען דער טאַטע מאַכט קידוש.

אין די וואָכיקע טעג בײַ נאַכט,
אַ הונגעריקער טראָגט מיך די מאַמע
אויף די מידע הענט
מיט די דרײַ שוועסטערלעך שלאָפֿן צוזאַמען.
אינעם הילצערנעם שטיבל
טאַנצן די שאָטנס אויף די ווענט:
פֿאַרן קנויט פֿון נאַכטלעמפּל —
קיין טראָפּן נאַפֿט ניט פֿאַראַנען...

דײַן קול כ׳וועל הערן

תּמיד נאָך דיר וועל איך בענקען, טײַערינקע מאַמע,
דו ביסט די זוניקייט וואָס אין מײַן האַרץ כ׳טו טראָגן.
דײַנע בריוו וועלן מיר ברענגען אַ רויִקע שעה,
וועל איך פאָלגן וואָס דו וועסט מיר זאָגן.

ווי פון פידלען דער ניגון — דײַנע פּערלדיקע רייד,
אויף טויזנטער מײַלן, מאַמעניו, כ׳וועל הערן.
נאָענט וועסטו זײַן מיר פון דער ווײַטסטער ווײַט
בענקען נאָך דיר האַרציק — כ׳וועל שווערן.

פון מײַן פּראַצע כ׳וועל היטן דעם דאָלאַר און סענט,
„לאָקשן" יעדן חודש דיר וועל איך שיקן.
אויף מײַן לײַב, מאַמעשי, ביסטו דאָס העמד —
דײַן געשטאַלט פאַר מײַנע אויגן טוט תּמיד מיך קוויקן.

מאָרגן, מאַמעניו, פאָר איך אַוועק:
די שיף וועט שווימען אין מײַנע טרערן...
יומטובדיק וועלן זײַן אויך מײַנע וואָכעדיקע טעג,
ווײַל אויך אין שלאָף — דײַן קול כ׳וועל הערן.

1972

פון יאָרן אַמאָל

א.

נאָך גוט אַזוי
קינדעריש זיך צו וויגן
אין חלום, אין טרוים;
אויף זוניקע שטיגן
פרייד אויפצוטראָגן
צו צווייַגן גרינע
פון אַ קאַרשנבוים.

מיט ליכט צום שבת־טיש
אין דמיון, זמירות צו זינגען,
דאָס גלעקל בייַ דער טיר וועט קלינגען
און איך — מיט הייסע ליפּן פון אַמאָל —
וועל דעם שבתדיקן כּוס
אויסטרינקען מיט איין מאָל.

נאָר אויב ניט קלאָר איז דער חשבון
פאַרטרייַב גיך דעם שאָטן,
ביז קומען עס וועט דער מאָרגן,
דער קלאָרער,
און צוזאַמען מיט די פאַרגאַנגענע נעכטנס
כ'וועל ציילן די רגעס
פון די יאָרן פון אַמאָל.

ב.

ס'האָט אַ חלום מיך פאַרטראָגן צום רויש פון מאַשינען,
בײַ זיי האָרעווען געווען איז מיר באַשערט.
אַ קאָשמאַר האָט מיך צעוועקט אין גרויען באַגינען
אַ צעווילדעוועט רעווען פון מאַשינען געהערט.
צעפליגלט אין שאָפּ צענדליקער פּאָר הענט.
פון מאָטאָרן דער אָטעם רײַסט די פענצטער־גראַטעס.
אין חלום כ'האָב דעם פּרצוף דעם וואָלפישן דערקענט
געהערט ווי ער רעוועט:

— דאָ
נאַיט
מע
ניש
קאָ
שמאַטעס!

כ'האָב געוואָרפן אַ בליק צום טישל מיטן זייגער,
זײַנע פינגער — די ווײַזערס מיר גוט באַקאַנט:
שנעל ווי אַ וויכער, לויטן אַלטן שטייגער —
פון מײַן וואָרעם געלעגער אַרויסגעשפּאַנט...

די נאַכט האָט נאָך געהילט די טויִקע צווײַגן,
דאָס פענצטער כ'האָב ברייטער אויפגעמאַכט.
פאַר דער שטילקייט געווען גרייט זיך פאַרנייגן,
דער זייגער פון מײַן אַמאָל האָט מיט אַ קול זיך צעלאַכט...

אויף גאַסן פאַרשעמטע

אויף גאַסן פאַרשעמטע,
שורות הײַזער צעשטערטע,
פון טײַוולישע פינגער דער נצחון:
די צעיושעטע באַנדעס,
פון געגנטן די פלאָגן —
די שטאָטישע בראָכן.

ווי קראָען זיי זיצן
אויף די נאַקעטע שטיגן
און טשאַטען אויף אַ קרבן
ווען סוף עס איז באַשערט...
און אָט פאַר די חיהשע זיגן,
איז אַ גראָשן ניט ווערט
די שטראָף וואָס זיי קריגן...

1946

חשבון פון מײַנע יאָרן

יאָרן, ווי ביימער,
וואַקסן און בליִען.
אַ גוף איז מיט צווייַגן
וואָס זעלטן זיי רוען;
די שאַרפקייט פון שטורעמס,
ווער קאָן זיי מיַידן?
זיי זענען ווי מעסערס
וואָס שינדן און שנייַדן.

די ווונדן ניט פאַרהיילט —
דער חשבון פון מײַנע יאָרן.
געקלעמט האָט מיך דער הונגער,
גערינגלט מיט גרוילן,
דער האָס צו דעם „זשיד"
אין גרויסן פוילן.

געזוכט כ'האָב אַ קמיעה
איבער גרענעצן צו פליִען,
צו פילן פון פרײַ־זײַן דעם טעם —
אָן פחד אין די מינוטן און שעהען.
האָבן די יאָרן מיך געבראַנגט
אין לאַנד „מיט גאָלד אויף די גאַסן",
ווו געטרוימט איך האָב פון זונפעדעם
וואָס זאָלן העלפן מיר שפינען
אַ נייַעם באַגינען.

האָט געזונגען דער זינגער:
„אַלע מענטשן זענען ברידער"

און איך האָב אין בלוט פון מײַן האַרץ
געטונקען די פּען
בײַם אויסגלי̇ען אײגענע לידער.

האָבן דונערס און בליצן
פון חלום מיך צעוועקט
און דערזען כ׳האָב אַ פּאָן
מיט בלוט פאַרפלעקט.

באַדויער איך אײַך בינטלעך יאָרן מײַנע —
יאָרצײַט־ליכט פון פאַרהאַנגענע שפּיגלען.
כ׳בין געבליבן ווי אַ פויגל
מיט צעבראָכענע פליגל,
ווײַל ס׳האָט אַ בלינדקייט מיך געפירט
אין קאַמופלאַזשטן ווײַן,
וואָס כ׳האָב אין בלינדקייט געטרונקען.

אין קעסל־גיהנום, מלחמה־יאָרן מײַנע,
באַשערט געווען אײַער גורל אין טויט־געפאַרן
כ׳זאָל ניט פאַריתומען מײַן היים
און ניט די בלעטלעך פון קאַלענדאַרן.

האָב איך אין נאָרמאַנדיע
„פאַקס־האָל״־קברים געגראָבן,
ווו קוילן פון מאַשינביקסן
באַזוקעס פון טאַנקען און קאַנאָנען
געקנאָטן האָבן וואָלקנס פּעכיקע
ווו יעדעס זאַמדעלע פון בלוט האָט געגליט.
האָב איך אײַך, מלחמה־יאָרן מײַנע,
געוואָלט פאַראײביקן אין ליד.

צו די קוילן פון מײַן ביקס
און צו די האַנטגראַנאַטן וואָס קאָנען שטיינער שנײַדן
האָב איך אויף מאַמע־לשון גערעדט
און געתּפילהט:
אויב בלײַבן וועט דאָ אַ סימן פון מײַן געביין,
זײַט איר מײַנע עדות,
אַז דעם חשבון מיט די פּריצס
האָב איך געפירט אויך פאַר מײַנע עלטער־עלטער־זיידעס.

און איר,
געפונען האָט אַ טיר צו מײַן זכרון —
כאָטש כ׳בין ווײַט פון צו זײַן יונג,
דאָך מיט אַ קלאָרקייט פאַר די אויגן
און מיט דער האָפענונג אויף מאָרגן
בין איך ווי אין אַ זוניק העמד געבוירן.
און ווו אָן פלעקן אויף מאַסטן די פאָנען,
דאָרט איז דאָס לאַנד פון מײַנע טרוימען.

ניט דאָרט ווו ס׳האָט פאַרטונקלט די זון
און דער נייער חושך־מצריים
האָט אויף מײַן שטאָם
צעבלאָזן גיפט און פײַער.

דערפאַר בענטש איך דאָס לאַנד
און בענטש דעם טאָג
ווו איך קאָן רעדן וואָס איך רעד,
און קאָן זאָגן וואָס איך זאָג.

1983

אין נאָרמאַנדיע

די סנײַפּערס נאָך דער פאַרלוירענער שלאַכט
פאַרנורעטע ערגעץ־ווו
אין קשאַקעס,
אין גראָזן,
אויף בערג און אין טאָלן —
שלאַנגען צישען אין דער נאַכט.

פון קאָמפּאַני .B
דער באַפעל איז געקומען:
סאַרזשענט מעק
רופט אויס מײַן נאָמען.

מיט מײַן חבר, מײַן ביקס,
בײַם „אמונישן־דאַמפּ״ [1]
כ׳שטיי אויף דער וואַך
מײַן ביקס בײַ מײַן האַרץ
יעדער קויל
צום שונא מיט האַס,
מיט מײַן שׂינאה וואַכט:
דעם באַיאָנעט
מיט טינט כ׳האָב פאַרשוואַרצט
נישט דערשנאַפּן זאָל פּריץ [2]
זײַן גלי און זײַן גלאַנץ
אין אָט דער חושכדיקער נאַכט.

---

1. אַמונישן דאַמפּ — קאַסטנס מיט קוילן.
2. פּריץ — אַ נאַצישער זעלנער.

מיטן פינגער אויפן צינגל
ביַים קוילן־האַרץ.
ניט צו זיַין דאָ אַליין
כ׳וואָלט געדעדט צו אַ שטיין...
נאָר אָט איז די שלאַנג
צווישן די צוויַיגן אויפן בוים.
מיַינע אויגן ווי אין פריר,
איך קריך אויף אַלע פיר,
אַ מינוט,
אַ רגע,
אַן אייביקייט.

די שרעק איז אַוועק.
כ׳בין מיט נאָך אויף דער וואָך
מיַין חבר —
מיַין ביקס,
מיַין באַיאָנעט
און דער פערטער בין איך.
כ׳בין אויף יאַגד קעגן פריץ
און — כ׳וואַרט!

1944

געליבטע מײַנע...

1

אין באַראַק
האָב איך געגעבן דיר דעם ערשטן קוש.
פֿאַר די זעלנער,
דעם סערזשאַנט
און לייטענאַנט
זיך ניט געשעמט.
זיי האָבן געקוקט,
ווי כ'דריק דיך צו דער ברוסט
מיט צאַפּלדיקע הענט,
פֿאַרוווּנדערט געקוקט,
ווי אין מײַן אויג גליט אַ טרער.

געליבטע מײַנע —
איך שווער:
מײַן ליבע צו דיר
ניט זײַן זאָל אומזיסט:
בײַם „פּיפּ־סאַיט" [1]
מײַן צעגליט אויג —
דעם „טאַרגעט" [2] זאָל ניט פֿאַרמײַדן,
מיט דיר —
ווײַל איך זיך מער ניט שיידן,
אַזוי לאַנג
ווי אָטעמען ס'וועט נאָך
אײַן מענטשן־פֿײַנד.

1. פּיפּ־סײַט — ס'„פֿענצטערל" פֿון דער ביקס.
2. טאַרגעט — צילפּונקט.

און אויב דו גלייבסט ניט
מײַן אמתדיק וואָרט,
וואָס גליט איצט אויף מײַן גומען,
זאָל ניט זײַן מער פאַר מיר
קיין רויִק אָרט,
און שאַנד און שפּאָט
זאָל באַגלייטן מײַן נאָמען.

2

געליבטע מײַנע —
ווייסטו,
אַז מיר זענען זיך ניט פרעמד
כאָטש אַ פערטל יאָרהונדערט
ניט געווען זענען מיר צוזאַמען.
ס'ערשטע מאָל
ווען כ'האָב דײַן קול דערקענט
אין די שול־גאַס פון מײַן שטעטעלע
געשטאַנען שוין אין פלאַמען...

זעלנער האָבן אײַנגעבראָכן אונדזער טיר
און „אַלץ אין דער קאָרט"
באַטיטלט: —
די געפונענע „באָלשעוויקעס"...
ביז בלוט
האָבן זיי געריסן און געשניטן
מײַן טאַטנס באָרד
און די בעבעכעס צערויעט מיט די פּיקעס...

מער וויל איך איצט זיך ניט דערמאָנען,
כאָטש כ׳וועל דאָס בילד ניט פאַרגעסן,
ווי ניט פאַרגעסן כ׳וועל
דאָס פּנים און דאָס קבר פון מײַן מאַמען — — —

3

געליבטע מײַנע!
ווילסט וויסן אפשר ווער איך בין?
בין איך טראָגן דיך אויפן אַקסל ווערט?
איך בין אַ ייִד
און דאָס גאַנצע בייז איז קעגן מיר געווערט...

ערשטער מאַי אין נאָמראַדיע 1944

מיטן לעצטן צווײַג האָב איך קאַמופלאַזשט דעם קאַנאָן:
זײַ סאַלוטירן דעם וואַלד דאָ אין אַ געדיכטער ריי...
און פון מאַסט אין פלאַטער רעדט אונדזער פאָן:
„שיק מײַן גרוס צום ערשטן מאַי".

צו דער שמאָלער „טיר" אינעם טיפן וואַלד
אַ טראָק מיט ביקסן שוועבט פאַרבײַ.
יעדער ביקס, דאַכט זיך, הער איך שאַלט:
„שיק מײַן גרוס צום ערשטן מאַי".

צערונען ווערט דאָס פויגל־געזאַנג
אין דער פרישער נעסט — ווײַסער פון שניי.
ס׳אָטעמט שוין שווער דער ריזיקער טאַנק:
„מײַן קראַפט — דער ערשטער מאַי!..."

בײַם באַרג האָט אַ מאַשין־ביקס אויף פראָבע זיך צערעדט
אין די ביימער באַקליידט מיט אַ פיבערדיק געניי...
האָבן די פלאַמיקע „רייד" מײַנע אויערן געגלעט:
„אונדזער גרוס צום ערשטן מאַי!"

צום וואַלד מאַרשירן בראַנדזענע יונגען:
מיר — ווײַסע זעלנער — טאָרן ניט שפּאַנען מיט זיי...
האָט פון זייער ריטמישן טראָט צעריסענע קייטן געקלונגען:
„שיק אונדזער גרוס צום ערשטן מאַי — — —"

ווי האָניק פרישער שמעקט ס׳טרוקענע היי
אַרום מײַנע קליידער די נײַע און שמאָלע זעק...
ס׳איז דער ריח דער זיסער פון ערשטן מאַי,
וואָס וועט באַגלייטן אונדז איצט אינעם ווײַטן וועג...

אַ בית־עולם אָן קברים

מײַן הונט װעל איך הײַנט פֿאַרשטעלן אין טיגעריִשער פֿעל
און פֿאַרשליסן די טיר מיט שלעסער...
מײַן גאַסט זאָל ניט זײַן צו העלדיש בײַ מײַן שװעל
מיט זײַן „שפּײַער" אָדער בליאַסק פֿונעם מעסער.

פֿאַרקאָװען כ'װעל די פֿענצטער מיט שטאָלענע שטאַבעס,
װי אין אַ תּפֿיסה כ'װעל בלײַבן אין דער היים;
מײַדן כ'װעל בײַנאַכט די גיריקע זשאַבעס,
װאָס קומען פֿון זומפּן לױערן אױף מײַן געביין.

אַ שאָד װאָס כ'האָב צעבראָכן דעם שלאָס פֿון מײַן „סוּװעניר",
װאָס אױף נאָרמאַנדיע־פֿראָנט האָט מײַן לעבן פֿאַרהיט.
זיכערער מיט אים כ'װאָלט געװען בײַ מײַן טיר —
דערהערנדיק אַ שאָרך פֿון פֿאַרדעכטיקע טריט.

כ'האָב כּמעט שױן פֿאַרגעסן די פּנימער פֿון שכנים;
מײַן גאַס איז געװאָרן אַ בית־עולם אָן קברים.
אָפּט כ'פֿלעג רעדן כּמעט מיט יעדער אײנעם,
אײדער ס'האָט אױך אַהער דערגרײכט דער שטורעם.

איך פֿאַרמאָג ניט קײן קױל־פֿאַרזיכערטן זשיעלעט,
בלױז דעם שטאָלענעם העלם װאָס כ'האָב אַמאָל געטראָגן.
קױפֿן װעל איך די אַנטיקן, ס'איז קײנמאָל ניט שפּעט,
כּדי דניאל, מײַן זון, זאָל ניט דאַרפֿן נאָך מיר אַזױ פֿרי קדיש זאָגן.

1971

אַ גוטע ביקס, װאָס מ'טאָר ניט נעמען אַהײם.

ווי ס׳העמד אויפן לײַב

די פּאַלעס פון מײַן מונדיר
זענען ברוגז צווישן זיך,
שולדיק בין איך:
כ׳בין דיקער געוואָרן.

ער —
דער גאַסט פון יאָרן,
זײַנע קנייטשן ווי קאַרבן
שוין לאַנג האָבן פאַרגעסן
דעם טעם פון אַן אײַזן —
פון מײַנע שנײַדערישע פינגער
די גלעטן בײַם פּרעסן.

זײַנע מעשענע קנעפּ
אין אַש־גרוי קאָליר,
ווי פון ביקסן די קוילן
מיט אָראָפּגעשאָסענע קעפּ...
נאָר כ׳האָב נישט בדיעה
זיך צו שיידן מיטן מלחמה־סוווּעניר
וואָס, ווי ס׳העמד אויפן לײַב —
איז נאָך אַלץ נאָענט מיר.

1974

אונטער שלאָס און ריגל

ס׳טרעפט, מ׳געווינט מיט זיך אַ געוועט,
נאָר ס׳געמיט ווערט ניט גרינגער.
כ׳לייען איר בריוו — מסתמא ווידער לייענען, —
ס׳רייצט מיך זײַן הונגער,
אפשר גאָר די זעט,
וואָס קאָן אַ קאָפּ פאַרשטיינען...

כ׳האָב אויף דעם בריוו לאַנג געוואַרט, —
שוין געצווייפלט אין זײַן קומען:
נאָכאַמאָל זיך גענאַרט —
אַ שלעפּנדיקער טאָג איז פאַרבײַ,
ווערטער אויף דער צונג — שטיקער בלײַ,
ווייטיקן דעם גומען.

אין די שורות — דער טיגערישער רייץ,
און דער לאַשטשענדיקער גלעט
לאָזן נאָך טיפערע ריסן...
זי דערציילט פון לענדער און שטעט:
„...בין געשטאַנען בײַם וויגל פון קרייץ
ער שיקט דיר כּשרע גרוסן...״

ווען שאַנז־עליזעי וועט פאַרלירן דעם פּאַווע־עק
וועט דאָס „פּלעצל״ רוען אין גן־עדן.
כ׳בין אַהין געגאַן פאַר דײַנעטוועגן,
(פּלעגסט פון דעם ריידן),
אפשר מאָרגן אין טשעמאָדאַן פאַרפּאַקן
אַ פּעקל „יוראָפּשע״ געשמאַקן...

כ׳ווייס וווהין זי צילט,
דערנער זענען אויפן וועג געבליבן.
ס׳בלאָנדזשען נישט אירע שפּיזן.
אָפּט אַ וואָרט נישט דערשריבן
פונעם באַרג קאַפּריזן
קאָן ווערן ס׳בלוט פאַרקילט.

אין מײַנע פינגער איר בריוו,
אַ באַנדאַזש אויף אַ וווּנד
וואָס לאָזט זיך ניט פאַרהיילן:
דער אומרו וואָס איז טיף
ווייסט ניט פון קיין גרונט —
ניט מיט ווערטער קאָן מען דאָס דערציילן.

כ׳האָב זי געטראָפן ווי דעם מאַיקן ווינט
מיט ערב־זומער אויף די פליגל;
כ׳ווייס ניט פאַרוואָס:
ס׳אויג ווערט אָפּט בלינד
בײַם האַלטן די מאָס
אונטער שלאָס און ריגל.

1968

אין שלאָף איך צאַפּל

שוין יאָרן ווי אין חלום איך צאַפּל, אין שלאָף
ס׳פּעלט מיר אָטעם, די גאַז־מאַסקע נעמט מיך שטיקן.
מאַמעשי! — אַ צעפּיבערטער פון פּחד איך רוף,
„טו מיך, ווי אַמאָל, צו דײַן האַרץ צודריקן;

נעם מיך צו דײַן קבר־בעט ווו קומען כ׳פּלעג קלאָגן —
אין מײַן האַרץ ברענט תּמיד דײַן ליכט.
זײַ מיר מוחל וואָס כ׳האָב פאַרפעלט נאָך דיר קדיש צו זאָגן,
אין מײַן זכּרון לײַכט יעדער קנייטשעלע פון דײַן געזיכט.

אין די סכּנותדיקע שלאַכט־געפאַרן מיט מיר ביסטו געגאַנגען,
כ׳האָב געהערט דײַן קול רופן מײַן נאָמען;
דײַן אָטעם געפילט כ׳האָב אין מײַן צעיאָגטן שפּאַנען,
ווו אין די בלוט־לוזשעס פאַרבליבן זענען סימנים.

איך הייב אָן שווימען אין אירע פּראַסטיקע טרערן.
איךביינערגוף איבער מיר איז געבויגן.
פון צעשטעפּטן הימל די פאַלנדיקע שטערן
צעלײַכטן די שערבלעך אויף אירע אויגן...

פון קאַשמאַר כ׳בלײַב ליגן אָן פּיס און אָן הענט,
אינעם „פאַקס־האָל״־גרוב וואָס האָט געדאַרפט מיר באַשיצן;
אַרום מיר יעדער שפּאַן פון נאָרמאַנדיע־ערד ברענט,
און פון קבר מײַן מאַמע געקומען נאָך מיר שבעה דאָ זיצן — — —

1949

■

שאַרפּע מעסערס עפּענען מײַן טיר יעדער נאַכט
און שינדן פּאַסן פון מיר אין שלאָף,
און פון װײַזערס די מינוטן װײַזן אָן דעם סוף
פול מיט אימה און אומרו איז מײַן גוף.

װי הערן כ׳װאָלט כּסדר אַן אַליאַרם־רוף.
איך װײס ניט װאָס מײַן מאָרגן װעט זײַן,
הײַנט איז מײַלן־װײַט פון מיר די רו,
אויף די אַקסלען איך פיל אַ באַרג מיט צער —
שטײנער גלײַקע פון װײטיקן דערצו.

װי לאַנג מיר איז לעבן נאָך באַשערט
װעל איך מסתּמא מיטן טעם פון רו ניט זײַן געבענטשט
די שעהען
און די מינוטן
פון די טעג —
װי די װעלט װאָלט געװאָרן אַנטמענטשט...

1987

פרעג ניט...

דער קוימען זאָגט אַ גוטע נאַכט,
ווי די שיף וואָלט געוווּסט מײַן נאָמען.
בײַם ברעג יעדער כוואַליע לאַכט:
„די שיף וועט ווײַט נישט פאַרשווימען".

ניט אומזיסט האָט מיך געשראָקן די נאַכט,
ווי דער הימל וואָלט אין אַ זאַק דאָ געלעגן.
אויף אַ שיף וואָס מ'שיקט אין שלאַכט
קיין שאלות לוינט זיך ניט צו פרעגן...

1966

אויף דײַנע ברעמען

פון דער ניי־מאַשין רוען פעדעם אויף דײַנע ברעמען.
די צעיאָגטע נאָדל האָסטו געהיט.
די ליידיקע שטול וועט געוויס ווער פאַרנעמען,
נאָר פאַריתומט וועט בלײַבן דאָס שנײַדער־ליד...

צום „סינגער״־קאָפּ — אַ קאָפּ וועט זיך בייגן,
און די ניי־מאַשין לאָזן אין גאַלאָפּ...
אַ שאָפּ — אַ וואַלד. הענט — צווײַגן;
און אין שטורעם — אַ סך פאַלן אָפּ.

1966

ניט אין מײַן בלוט

יאָ, ס'איז ניט קיין סוד,
קעגן דיר, נעבעך,
בין איך באַגאַנגען אַ גרויסן „חטא״:
מײַן הויט איז — ווײַס,
דײַנע — טונקל־נאַכטיק.
ביסטו געוואָרן צעברויזט:
ווייַ־און־ווינד —
מיינסט
ביז צו אַלץ באַרעכטיקט.

יאָ, איך ווייס,
גרויס איז מײַן „זינד״:
איך בין אַ ייִד —
„אַ ייִד איז דאָך זיכער אַ באַנקיר״!
מאַכסטו בילבולים
אויך אויף מיר.

איך ווייס:
דײַן האַס צום ווײַסן האַר
איז מוראדיק טיף
פון דײַן געבוירנלאַנד אָן,
ניט איך האָב דיך געפירט,
פאַר שקלאַף געפאַנגען,
צו דער שיף.
ניט מײַן טאַטע,
אַפילו ניט מײַן זיידע,
געקויפט, פאַרקויפט דיך האָט
אויפן שקלאַפנמאַרק.

איך פֿאַרשטיי דײַן צאָרן —
נאָר ניט אין מײַן בלוט
וועסטו ווערן
נײַגעבאָרן.

מײַנע אורזיידעס
זענען אויך געווען קנעכט.
מײַן שלום־פֿאָלק
האָט געמאָנט און פֿאַר דיר
געפֿאָדערט יושר
„אַלע מענטשן זענען ברידער״
האָב איך מיט י. ל. פּרצן מיטגעזונגען.
ניט איינמאָל האָבן אונדזערע לידער
אין דײַנע אויערן אָפּגעקלונגען.

זומפּן און מדבר האָט מײַן פֿאָלק צעבליט,
ניט מיט שווערד — מיטן אַקער,
ס׳מינדסטע קערנדל פֿאַרהיט —
דער מאָרגן זאָל זײַן אַ זאַטער.

מײַן פֿאָלק ווייסט אויך דעם טעם פֿון פּראַצע.
דערנער אויף דײַן וועג האָבן מיר געהאָלפֿן אויסשנײַדן,
הײַנט צאָלסטו אונדז אָפּ מיט סם,
ווי מיר וואָלטן גערויבט דײַן „גן־עדן״...

מאָן איך בײַ דיר גאָרניט
בלויז עס אַרט מיך און קלעמט
פֿאַרוואָס מײַן פֿרײַנטשאַפֿט
דו פֿאַרשעמסט.

1970

אין דער שפּעטער שעה

אין דער שפּעטער שעה האָט דער אַלטיטשקער אין גאַס
צעשיקט סיגנאַלן מיטן סוקעוואַטן שטעקן.
ס׳ציִען זײַנע אַקסלען, דער זקן איז אין כּעס,
ווי זײַן אייגענער שאָטן וואָלט אים שרעקן...

ער גייט ווי אויף אײַז פֿון אַ באַרג אַראָפּ,
קוקט זיך אַרום און בלײַבט שטיין געבויגן:
ווי אַ זייגער־אומרו זײַן צעוויגטער קאָפּ —
און ס׳פֿײַכטן זיך פֿון טרערן זײַנע אויגן.

איך ווײַס זײַן ווינונג און באַגלייט אים אַהיים
צו זײַן פֿאַרחושכט שטיבל, — אַ שפּאַן פֿון אַלטן מויער.
דאַכט זיך, דאָ ווייסט שוין יעדער שטיין
פֿון זײַן האַרץ, — דעם גריזשענדיקן טרויער:

נישט ס׳ערשטע מאָל וואָס זײַן ווײַב איז אַוועק.
און אַ פֿאַרשיכּורטע — צוריקגעקומען.
הײַנט גייט ער אַרום, ווי אויף ציין פֿון אַ זעג,
און שעפּטשעט אינעם פּוסטן הויז איר נאָמען.

1983

אין אַ כאָר זיך צעלאַכט

מיט די שניי־פליטערלעך
וואָס האָבן צעלויכטן די גאַס
שרה׳לען איז איַינגעפאַלן
צו מאַכן זיך אַ שפּאַס:
אין די פאַרמאַכטע הענטלעך דעם שניי.
אין שול אַריַינגעבראַכט
און געהייסן די קינדער טרעפן
וואָס זי האָט אויפן וועג געפונען?
די קינדער האָבן לאַנג ניט געטראַכט
און אין אַ כאָר זיך צעלאַכט
וויַיל פון אירע הענטלעך
זענען טראָפנס וואַסער גערונען...

1982

חוהס געשטאַלטן

צו ס. ל. ר.

דײַן נאַענטקייט איז מיר פּײַנלער ווײַט,
פאַרלוירן כ׳האָב די מאָס פון די מײַלן.
דאָס ניט דערזאָגטע מאָנט אין מיר און שרײַט: —
ווער וועט די ווונד מיר היילן?
פרעגסט וואָס איך שרײַב? — ברעקלער פון יאָרן,
אָפט ווער איך מיד זיי צו ציילן.
האָסט מיטגענומען דעם שליסל פון מײַן זכּרון
וואָס לאָזט זיך ניט פאַרשליסן מיט פײַלן.
ס׳זומער־פייגעלע וואָס בײַם קוסט האָט געפלאַטערט
האָסטו כיטרע געפּרוווט פאַרנאַרן.
ווייסט, כ׳פּיל דעם שמעטערלינגס יאַטער —
זײַן פלאַטער־פּחד, די געפאַרן.
האָסט גענומען זיך קײַקלען אויפן גראָז מיט געלעכטער.
דער ווינט האָט פון דײַן קליידל געמאַכט אַ פּאַראַשוט.
אַפילו אַ מלאַך ניט געבליבן וואָלט ניכטער —
בײַם שטיבעלע דאָ, גאָר ווײַט פון שטאָט.
די נאַכטיקייט האָבן די שאָטנס דאָ צעשטאָכן.
אַ בליץ־דונער — דעם הימל צעשפּאָלטן.
דער ווינט האָט געלאַכט, געפײַפט מיט ניצחון,
די לבנה ווי אין דײַן בוזעם זיך באַהאַלטן...
געווען זענען דײַנע ליפּן דער רײַפסטער עפּל,
ווי חוה וואָלט מיר געשאָנקען אַ ביסן;
דער בוים וואָס האָט געטוויטשעט אין נעפּל,
געפילט האָט אויך דעם טעם זײַנעם, זיסן.
שטיל איז געוואָרן דער פויגלשער כאָר,
ווי די פייגל וואָלטן פאַרלוירן די געטלעכע נאָטן.
צעשפּילט האָט זיך דער ווינט מיט דײַנע בלאָנדע האָר —
אויף מײַן פלאַמיק פּנים זיי צעשאָטן.

אייביק וועט זי שטיין פאַר מײַנע אויגן

ניט לאַנג ווי די זון איז אַוועק
און דער הימל אָטעמט נאָך שׂרפהדיק,
פון הינטער דער כאַטע בײַם שלאַנגישן וועג
קוקט אַרויס אַ קאַקטוס מכשפהדיק.

מיר פאָרן אַהיים אינעם קראַנקן אויטאָמאָביל,
ווי דער מאָטאָר וואָלט געהאַט אַ האַרץ־אַטאַקע;
בלאָנדזשנדיקע שאָטנס אויפן זאַמד אין אַ קאַדריל,
ווי געטאַנצט וואָלט דער קאַקטוס אין אַ יאַקע.

איך קלאַפּ אָן פאַמעלעך אין דער אײַנגעדאַרטער טיר:
מײַן פאַרחלושטער מאָטאָר דאַרף אַ טרונק וואַסער.
אַ זקנה פון דאָרטן הייבט אָן זיך שאַרן צו מיר,
אַזש פון אַנגסטן מײַן העמד ווערט נאַס און נאַסער.

פון דער נאָענט כ׳זע איר צײַנלאָז מויל,
אירע הענט, ווי דאַרע צווײַגן צעבויגן.
פאַרקערט,
זי איז גרייט אונדז צו העלפן,
זי איז ניט פויל —
אייביק ווי דער מדבר, וועט זי שטיין פאַר מײַנע אויגן.

1966

גן־עדן־עפּל

זי איז יעדע מינוט אויף דער דרייענדיקער בינע.
איר „בײַבל״ — די לעבנסגעשיכטע פון **סאַראַ בערנאַרד**.
בײַם רעדן עפנט זי קוים פאַרשמינקטע ליפּן דינע,
ווי זי וואָלט אויפן הילך פון אַפּלאָדיסמענטן געוואַרט...

פון „פּראָסטן פאָלק״ האָט זי שוין לאַנג זיך אָפּגעטיילט;
דעם „בעסערן קלאַס״ אין איר „רענטש״־הויז באַקוועם געמאַכט.
גן־עדן־עפּל האָט זי אָפּגעשיילט
און פאַר איר „קאָמפּאַני״ אַ קאָמפּאָט געקאָכט...

פון אַ בריוו

אין די אותיות,
אין די שורות,
איך פיל איר לײַדנשאַפט
אויפן בויגן פּאַפּיר:
איך לייען דעם בריוו
מער ווי איין מאָל
און עס פיבערט יעדער פינגער
פון מײַנע ציטערנדיקע הענט.
זי רעדט צו מיר,
און פון איר אָטעם, פון איר קול,
איך בלײַב פאַרקלעמט,
זי שטייט פאַר מײַנע אויגן
און איך זע **זי**
דורך אַ פײַכטן בליק פאַרבלענד.

1981

אַ מתּנה

דער פֿעטער משה פֿון פּאַריז
האָט יאַנקעלען אַ מתּנה געבראַכט:
אַ זייגער מיט הענט און מיט פֿיס,
אַ זייגער וואָס זינגט און לאַכט.

דער זייגער האָט אויך אַ קעפּל,
אַ פּנימל מיט גרינע אויגן.
אַ נעזל, ווי אַ געפֿלאָכטן צעפּל,
און שמאָלע אויערן געבויגן.

אַרום די ווײַזערס ווי שפּילקעס פֿון גאָלד
וויגן זיך די בלאָנדע לאָקן.
דאָס העמדל מיט בלימעלער באַמאָלט
ווי שוואַרצע סאַנדאַלן מיט רויטע זאָקן.

די מתּנה האָט יאַנקעלען דערפֿרייט.
דעם פֿעטער באַשאָטן מיט קושן.
געשעפּטשעט ר'האָט דאַנקבאַרע־רייד
און די אויגן געטאָן זיך ווישן...

1985

צירעלע געדענקט

בײַם קיכטיש די מאַמע דערציילט האָט די קינדער
אַ מעשׂה פֿון אַ בער און פֿון צוויי:
פּאַסירט האָט אין וואַלד, בײַנאַכט אָט דער וווּנדער
אויף די קעפּ פֿון די בײַמער באַדעקטע מיט שניי.

די צווײַגן האָבן געפֿינקלט מיט פֿראָסט־ווײַסע שטערן
וואָס עס האָט די לבֿנה פֿאַרפּלאָנצט דאָרט אין זיי,
דער בער האָט פֿאַרבעטן בלויז יענע בערן
וואָס ניט געזען נאָך זיי האָבן קיין שניי.

זענען געקומען די געסט און מתּנות געטראָגן
און ווי זעלנער געשטעלט זיך אין רײ,
געוואַרט זיי האָבן ביז גענומען ס׳האָט טאָגן,
ביז די זון האָט דערזען זיי אין שניי.

דעם סוף פֿון דער מעשׂה כ׳וואָלט וועלן דערציילן
וואָס האָט געטראָפֿן מיט זיי דאָרט אין ווײ —
נאָר די מאַמע האָט גענומען קאַרטאָפֿלעלעך שיילן
און... פֿאַרגעסן פֿון די בערן און פֿון שניי.

1982

הערשעלעס חלום

הערשעלע האָט אַ לידל פאַרטראַכט
פון דעם ווינט וואָס פּײַפט און וואָס לאַכט —
אַ פריילעך געלעכטער אַ גאַנצענע נאַכט,
ניט קיין איילי־ליו־ליו...

געווען איז דאָס לידל אַ געזאַנג
מיט אַ קול פון גלעקלער־קלאַנג,
אינעם חלום אַ פריילעך לידל:
אויפן קוימען שפּילט אַ פידל
זעכציק מאָל אין דער שעה.

הערשעלע האָט די אויגן אויפגעמאַכט —
ווו ביסטו, לידל, ווו?
פונעם חלום לאַנג ר׳האָט געטראַכט
ניט געהאַט, ניט געהאַט ר׳האָט קיין רו;
פונעם שפּילן אויפן פידל
געפּרוווט שרײַבן אַ לידל
ניט מיט ווערטער זיי...
מיט די קינדער דאָס לידל זינגען,
ביז די ווענט וועלן צעשפּרינגען
איינס, צוויי, דרײַ,
אוי, און איי, און ווײַ.

1958

אין טאָג פון בראָך

וועו מ'האָט אָפּגעשטעלט דאָס דערשיינען פון דער
טאָג־צייטונג „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל".

1

כ'האָב זיך באַהאַלטן הינטער אַ פאַרמאַכטער טיר,
מײַן ווײַב זאָל נישט וויסן וואָס עס ווייטיקט אין מיר.

זי זאָל נישט מיינען אַז איך בין חלילה פון זינען אַראָפּ,
זיצנדיק בײַם שרײַבטיש מיט אַ געזונקענעם קאָפּ.

און בײַסן די נעגל נערוועזיש, אין פּײַן,
ווי פון הונגער דער הונט בײַסט אַ ביין...

איך וועל איר דערציילן, נאָר נישט אַצינד,
יעדער נערוו אין מיר איז אַ וווּנד.

פאַראַן אַזאַ וווּנד וואָס טריפט נישט מיט בלוט:
מיט אַזאַ וווּנד בין איך געקומען איצט פון שטאָט —

ווי געוואָרן איז חושך, כאָטש די זון האָט געשײַנט,
מיט נאָך ייִדן דעם בראָך אָן טרערן באַוויינט:

נאָך וואַרעם זענען די אותיות און הייס נאָך דער בלײַ
און ס'יובלט שוין דער קברן פון איסט־בראָדוויי — — —

2

כ'האָב הײַנט זיך אָפּגעשטעלט בײַם פאַרחושכטן מויער,
ווי כ'וואָלט געשטאַנען בײַ אַ קבר פאַרקלעמט.
ס'הענגט דער שילדנאָמען, אַ פאַרהוילטער אין טרויער:
פאַרדאַרבער האָבן אַ צײַטונג פאַרברענט...

די פינצטערע בשורה האָט שרפּהדיק זיך פאַרשפּרייט,
ווײַט איבער גרענעצן און ימען:
זיי האָבן איבערגעשניטן די גאָלדענע קייט
און שקרן מיט חוצפּה אָן צאַמען!

כ׳וועל די אותיות פון שילדנאָמען מיט ליבשאַפט אין מײַן
גערעכבעניש טראָגן,
וואָס האָבן ייִדישן גײַסט געבראַכט מײַן היים.
ווער עס גרייט זיך קדיש נאָך ייִדיש צו זאָגן
איז אַ גייענדיגער מת אין אַ פרעמדן געביין.

געווען דאָ אַ זאַפטיקער קוואַל פון מאַמע־לשון,
געלײַטערט פון גראַדע, לייוויק און גלאַטשטיין.
האָבן די שונאים די זשעדנע אַ שטיק זון פאַרלאָשן
און געלאָזט די קלאָגער דעם מצבה־שטיין...

— — — — — — — — — — — —

שטיי איך דאָ פאַראבלט, אַ חורבן איז געוואָרן;
נישטאָ מער דאָס פרישע, ס׳לויטערע וואָרט.
יעדן אינדערפרי וואַכט אויף מײַן צאָרן: —
ווען וועט מען זיי משפּטן פאַרן מאָרד?

צו אַ דיכטער וואָס פרום איז

כ׳האָב דערהאַלטן הײַנט דײַנע תפילהדיקע לידער,
די דורכגעלייענט שוין פון טאָוול צו טאָוול.
זע איך דײַן שיפל מיטן צעבראָכענעם רודער,
וואָס דערפירט האָסט ביז די טײַכן פון בבל.

איך קאָן פאַרשטיין דײַן איינזאַמען טרויער:
דו ביסט אין קלעם אין דער גרויסער שטאָט.
נאָר וואָס ווילסטו פונעם נײַעם מויער,
וואָס פאַרשטעלט האָט אַ שטיקל פון דײַן גאָט?

איך פאַרשטיי דײַן גאַנג דעם אַליינזאַם־שטילן,
כאָטש פאַרשיידן איז אונדזער ביידנס וועג.
נאָר אויסגעטראַכט איז דאָך דײַן לייגן תפילין,
וואָס דו לייגסט אין די בלוטנדיקע טעג.

און וויפל אמת פאַראַן אין ווען דו רעדסט פון דײַן טלית,
וואָס פאַרשטעלט האָט אַ שטיקל פון דײַן גאָט?
די זיכערע רפואה, וואָס דו גיסט פאַרן דלות,
דערמאָנט מיך אָן יענעם חכם פון דער באָד...

קלאָגסט זיך: אין דײַן מאַנטל לאַכט יעדע נאָט:
דײַנע שיך האָבן מער ווי צוויי פאָר אויגן.
וועט דען העלפן דיר דאָס „שווײַגן צו גאָט".
און שטיין פאַרן אַרון־קודש אין דרײַען געבויגן?...

„גאָט" מיט „נאָט" איז אפשר אַ גוטער גראַם,
נאָר וואַרעמער דערפֿון וועט קיינעם ניט ווערן.
איך ווייס אויך ניט ווי פֿון זיך אָנטאָן אַ צאַם
קאָן אין די אויגן ליכטיקער ווערן...

האָסט ליב די שעפּסן, די שטילע, —
אמת, איך האָב זיי אויך ניט פֿיינט.
נאָר פֿאַרוואָס דאַרף מען שעפּטשען אַ תּפֿילה,
ווען דו שעכטסט זיי ווי אַ קרבן פֿאַר דיין הײַנט?...

איז דער בוים נאָר שיין ווען די צווייַגן זיינע שטאַרבן?
פֿאַר מיר איז דער בוים שיין אין זיין צעגליטן צוויט.
ווען מען דערפֿרייען דען פֿון טויט די פֿאַרבן,
וואָס טראָגן דיינע סימנים אין יעדן ליד?

1956

מיט שנײַדיקן בײז

נאָענט צו מײַן הויז,
אין שפּעטער שעה בײַנאַכט,
אויף דער פּוסטער גאַס —
פון פראָסט געקלעמט
איך בלײַב שטײן.
פונעם מעסערווינט געבערענט,
אין יסורימדיקן שווײַגן,
ווי געטרונקען כ׳וואָלט סם.

מיט ווײ־פּיס כ׳פּרוּוו אַוועקשפּאַנען
ווי געגאַנגען כ׳וואָלט אויף ציין פון אַ זעג.
עס באַגלייטן מיך דער שניי און דאָס אײַז
מיט שנײַדיקן בײז...

1986

די זוניקייט פֿאַרלוירן

כ׳בין פֿול מיט צער און טרויער
וואָס כ׳האָב זוניקייט פֿאַרלוירן:
צוויי דיכטער.
חברים נאָענטסטע.
זענען גרויזאַם מיר די טעג
פֿון פֿאַרלירן אַזאַ פֿאַרמעג.

הייסע צוואַנגען מיט שאַרפֿע ציין
גריזשען מיך און קלעמען
וואָס מיט מײַנע טײַערע און ליבע —
תּושכדיק האָט פּאַסירט:
דער חשבון פֿון בראָך
אין קייטן מיך פֿירט,
שאַרף געקלעמט פֿון פּײַן —
פֿון בלײַבן אַליין.

בײַטאָג און בײַנאַכט,
מינוטן און שעהען כ׳אָטעם קוים,
מיט פֿלאַמיקן צער
מײַן האַרץ איז איבערפֿולט.
אין הייסע טרערן
מײַנע אויגן, ברעמען,
כוואַליעס אויף מײַן וועג
מיט שפּיזן האָבן מיך אַרומגענומען.

1988

דאָס ליד האָט דער מחבר געלייענט בײַ דער אויפֿדעקונג פֿון דער מצבה פֿאַר יורי און איזאַבעל סול.

איך באַוויין מײַן חבר

ווען ס׳איז דערגאַנגען צו מיר
דער טרויעריקער סוף פון מײַן חבר,
דער שרײַבער פּאָעט,
האָט אַ מבול פאַרפּליײצט מײַנע אויגן.

מיט האַמערס האָט געפּויקט דאָס האַרץ.
מײַנע אָדערן — שפּיזן אין אינגעווייד.
רגעס פלאַמיקע
האָבן מײַן טאָג באַגלייט.

שטיינער ווי בערג אויף מײַנע פּלייצעס
דריקן אין שרעק
און איך בין אײַנגעגנורעט אין אַ שאָטן־טאָל
וואָס איז טיפער פונעם ים.

כוואַליעס צער געפינען נישט קיין ברעג.
ווי אַ דונער האָט מײַן לעבן געקראַכט.
מאַרטין — ווי אַ בליצנדיקער שטערן
איז אַנטרונען אין דער נאַכט.

אין מײַן ליכטיקן צימער
כ׳בין געוואָרן אַ חושכדיקער שאָטן,
שטאַר, אָן לשון:
די זון האָט זיך אין מיטן טאָג פאַרלאָשן...

1986

דערשלאָגן

(לזכר מאַרטין בירנבוים)

פונעם חושכדיקן בראָך כ׳בין דערשלאָגן:
אָן מאַטלען — אַ שעה ווי אַ וואָך.
טיף אין מײַן געביין די שאַרפע פּלאָגן —
פּײַן אין האַרץ, צער און בראָך.

איך פּיל אויף די פּלייצעס שטיינער אַ באַרג
תּמיד, אוי, תּמיד וועל אים טראָגן;
טענות שאַרפע צעגלִיען מײַן קאַרק,
הלמאַי איך טו נישט קדיש נאָך אים זאָגן.

אויפן בית־עולם זוניקט די ערד
ווו מײַן חבר, דער דיכטער, טוט רוען.
פון קבר זײַן קול קלאָר כ׳האָב געהערט:
„...דײַנע טרערן מײַן געביין צעגלִיען״.

יאָרן אַן אַ שיעור געווען מיט אים נאָענט,
נענטער ווי מיט אייגענע ברידער.
אָן אים, — טיף אין מיר די וווּנד —
ווי אין אַ פלאַם מײַנע גלידער.

פון דער מצבה גייט אויף זײַן פּנים:
דער ריזיקער שטיין קברים צעבליט.
ווי עס שײַנט מיר זוניק זײַן נאָמען
אין די געשליפענע שורות פון זײַן ליד.

אין שפּיטאָל

כ׳האָב היַינט געזען אַ זקן וואָס קאָן ניט שטאַרבן:
אַ זקן — קוים פיר־און־צוואַנציק יאָר.
אויף זיַין הוילן קאָפּ — זיקנה־קאָרבן,
ווי ס׳וואָלטן קיינמאָל נישט געוואַקסן קיין האָר.

געוויס האָט דער „אַלטער" געהאַט אָפענע אויגן,
אויף דער וועלט געקומען מיט פיס און הענט:
ווען ס׳לעבט זיַין מוטער וואָס האָט אים געזויגן,
וואָלט זי איר זון ניט דערקענט.

ביַים בעטל וואָלט זי געשטאַנען, ווי איך, פאַרקלעמט,
געוואָרגן מיט אַ וואָרט וואָס בריט דעם גומען;
גאָט אַליין וואָלט געבליבן פאַרשעמט
ווען ער זאָל אַמאָל צו אָט דעם קרבן קומען — — —

כ׳וויל דער קראַנקן־שוועסטער עפּעס זאָגן,
נאָר אַ פלאַם האָט פלוצעם צעבריט מיַין צונג:
מיַין האַרץ האָט האַמערדיק געשלאָגן,
ווי אין מיַין בלוט וואָלט אַריַין אַן אַטאָם־פונק...

דעם זקנס וויגל איז אין היראָשימאַ געשטאַנען:
קוים פיר יאָר קינדיש לעבן באַשערט — — —
וועט די וועלט פאַרגעסן די גהינומדיקע פלאַמען
וואָס קאָנען צעשטויבן די ערד?

1964

צו די 20 יאָר, ווי היראָשימאַ האָט פאַרזוכט דעם טעם פון דער אַטאָם־באָמבע...

מײַן האַרץ צעקלעמט איז

מיט צער און פּײַן
כ׳מעסט און װעג
דעם פֿאַרמשפּטן גורל
פֿון דערציילער און דיכטער
װאָס ניט נאָר דעם מאָרגן,
אויך דעם הײַנט —
באַלד שוין דערװאָרגן.
אויף פֿליגל זייער לשון —
זוניקע סטרונעס —
מיר ליב און טײַער.

מיט טרויער
כ׳באַדויער: —
דער נײַער דור
װעט ניט היטן
קיין ברעקל ירושה,
ביכער־ספרים
פֿאַר זיי אַ דרײַער,
זיי שלײַדערן אין מיסט
און ניט זעלטן —
אין פֿײַער.

1986

כ׳בין דער עדות

צוויי אַלטיטשקע זענען אין פּאַרקעלע געזעסן,
נאָענט צו זיי — זיך צוגעזעצט רוען:

פון מידקייט, אַפּנים, כ׳האָב פאַרגעסן —
מײַן זייגער זשאַלעוועט ניט קיין שעהען.

דער אַלטיטשקער האָט דערציילט און זי — געשוויגן,
קוים־קוים צוגעשאָקלט מיטן געבויגענעם קאָפּ:
דורכפאַלן זענען אויך זיגן,
בעת יאָרן לויפן אין ווילדן גאַלאָפּ.

דער זקן האָט איר נאָך עפּעס דערציילט...
מײַן פען וועט עס ניט אויסזאָגן:
כ׳האָב שנעל פונעם פּאַרקל געאײַלט,
ווי פון אָקריפּ אָפּגעצוואָגן!...

1971

באַקאַנטשאַפט

אויף טײַמס־סקווער — אַ בעל־עגלה מיט פערד־און־וואָגן;
אויך איר, פאַרוואונדערט, זיך אָפּגעשטעלט.
אַ צעשראָקענע דאַמע פרווט עפּעס זאָגן
צום באַדויערן — לשון איר פעלט.

פון איר לאַנד, דאַכט זיך, כ׳האָב יאָ אַמאָל געהערט;
אירע רייד — קוים־קוים פאַרשטאַנען:
אויף טײמס־סקווער קאָן אַ בעל־עגלה מיט אַ פערד
צוויי פרעמדע מענטשן באַקאַנען — — —

1969

פאַרוואָס האָט אַ שטיין

דער נאָענטסטער וועג קאָן אָפט זײַן — מײַלן
און מיט פּלאָנטערדיקע טריט אָן אַ ציל:
די שטיינער אין גאָס וועלן ניט דערציילן:
וועלן זיך סודען שטיינעריש, שטיל.

פרעג בײַ די וועגן ווו דו בלאָנדזשעסט פאַרלוירן:
דער חלום, דער שנעלסטער רײַטער אין גאַלאָפּ.
אַ שטיין האָט אַ שטיין ניט געבוירן,
נאָר פאַרוואָס האָט אַ שטיין געשפּאָלטן מײַן קאָפּ?...

1963

פון די שכנים זיי וויַיכן

אינעם שטיבעלע צווישן די מויערן, ווי אין מאָר אַ שוואָם,
זיי וווינען שוין לאַנג אין דער ירושה פון זיידן.
זיי גייען ווי אויף אײַז, דערציילט יעדער שפּאַן,
דערמאָנען אין אַ צווילינג, ניט נאָר אין קליידן.

פון די שכנים זיי וויַיכן, פון דער נאָענט און דער וויַיט,
ווי ניט דאָיִק אין אַליינקייט זיי וואָלטן אויף אָן אינדזל
געלעבט. די געבויגענע קעפּ, בערגעלער באַשנייט,
מיט דערנער די עלטער די יאָרן אײַנגעוועבט.

די שטעקנס אין די ציטערדיקע הענט פּויקן בייז אויפן טראָטואַר: —
וואָרן־סיגנאַלן ווען עס קומט זיי ווער אַנטקעגן.
פאַרבײַגייער שטעלן זיך אָפּ, ווי מײַדן אַ געפאַר,
כאָטש ניט מיט שטעקנס מינעוועט מען וועגן...

אַ שכנה האָט פון זייער שגעונות דערציילט,
ווערטער ווי פונקען און כמאַרעס פון שטויבן...
מיך האָבן געאיבלט די שפּיציקע רייד
און דער שפּאָט פון אירע ציניש אויגן.

האָב איך צו די זקינות היַינט מיַין גוט־מאָרגן געטראָגן
מיט אַ נייג פונעם קאָפּ און אַ שמייכל ליבן.
דערציילן וואָס כ'האָב געהערט זיי זאָגן —
דאָס פּאַפּיר כ'וואָלט צעריסן וואָס די פּען האָט פאַרשריבן...

עדות די געגנטן

עס װעלקן די בלעטער אויפֿן איינזאַמען בוים,
צווישן ברוכוואַרג און שטיינער פֿאַרקלעמט:
מאַכטלאָז וויגן זיך די צווײַגן קוים,
אויף דער חרובער גאַס באַליידיקט, פֿאַרשעמט...

אַמאָל האָט מער ווי איין בוים דאָ געבליט
און צעליכטיקט די הײַזער מיט פֿייגל־כאָרן,
עס האָט יעדער זײַן היים אָן פּחד געהיט
און געזען דעם מאָרגן אַ קלאָרן.

זענען געקומען טעג ווי כוואַליעס פֿון ים
וואָס האָבן צעגריזשעט דעם ברעג.
צעבושעוועטע שטורעמס ניט פֿאַרהאַלטן קיין צאַם —
זיי ברעכן דורך בערג זיך אַ וועג.

ס'האָבן פֿאַרחושכט די שטאָט „די פֿייגל" פֿון די ווײַטן:
זיי האָבן ניט געדאַרפֿט קיין פּאַספּאָרט,
ווו מ'האָט יאָרן געוווינט, דעם אַדרעס געמוזט בײַטן —
מײַדן די שאָטנס וואָס פֿאַרטונקעלן ס'ליכטיקסטע אָרט...

אין די אויסגעהוילטע הײַזער מיט פֿאַרלאָשענע אויגן
איז שוין קיין איינציקע שויב ניט געבליבן:
ווילדע ברואים קאָנען אויך אַ טורעם צעשטויבן,
עדות די געגנטן ווו זיי האָבן זיך פֿאַרקליבן.

1983

פֿאַרמבול זיי, אַ, גאָט

דער גורל פֿון מײַן פֿאָלק
איז געהאָנגען אויף אַ האָר.
בלינד געווען איז די וועלט
אין די געטאָ־גיהנומס.
אויך גאָט האָט געשוויגן;
ניט געקוקט אויף די ביינער
און נישט אויפֿן אַש —
ריזיקע בערג צום שטײַגן און שטיגן.

כ׳האָב יאָרן געטראָגן
אויפֿן לײַב אַ מונדיר
יעדער קויל פֿון מײַן ביקס
כ׳האָב פֿאַרטרויט מײַנע רייד:
— עפֿענען זאָל דער מלאך־המוות
יעדע דײַטשישע טיר
און מיט פֿלאַם פֿון טרעבלינקע
זאָל ס׳מערדערלאַנד ווערן באַגלייט!

מיט מײַן פֿאָלקישן בראָך
איז געבראָכן מײַן האַרץ
און ס׳וועט זיך שוין קיין מאָל נישט היילן.
מײַן שוועסטערס יאָרצײַט־ליכט
טריפֿן נישט אויס, און דערציילן:
— די הענקערס,
די צינדערס,
פֿאַרברענט מיך און מײַן מאַן
און זייף געמאַכט פֿון די קינדער.

הער איך מײַן שװועסטערס געקלאָג,
כאָטש װער װײסט װוּ איר אַש איז אַצינדער —
װער קאָן דען פאַרנעמען די פּלאָג
פֿון פאַרשרפהטע קינדער ?
פאַר דעם שװידער פֿון יענע יאָרן —
װי אַ מבול
פאַרמבול, אָ, גאָט,
דאָס דײַטשישע לאַנד
מיט קברים.

צוריקקום

■

פון די שטילסטע רייד
אין די שעהען מיט זיך אַליין
שווער איז מיר
פון דער נאַקעטקייט זיך שיידן.
מער ווי אַ שווערד
באַפרייט פון דער שייד,
שרעקט מיך
וואָס עס ליגט פאַרבאָרגן
און וועט מײַן גורל ניט מײַדן...

1962

אויף שטיגן צום הימל

געוועזן איז מײַן נעכטן
אַ טיפֿער טאָל,
דער הײַנט? — ווער ווייסט
צי איז ער ברייט צי שמאָל.

זומפּיקע וועגן
ווער קאָן זיי מײַדן?
אַפֿילו אין שאָטן
דערפֿילט מען די לײַדן.

פֿון לײדיקע פּעסער
וואָס קאָן מען טרינקען?
אונטער קראַטן און שלעסער
ווער קאָן זינגען?

זענען טעג ווי יאָרן
און יאָרן ווי טעג:
אויף די שטיגן צום הימל
שלײַכט זיך מײַן וועג.

1965

דויערקייט

איך וויל נאָך ציילן די זמנים פון יאָר:
אין די צענער, אין די צוואַנציק
און אַפילו צוגעבן אַ צולאָג —

נאָך אַ פּאָר יאָר...
דער האַרבסט און דער פרילינג,
דער זומער און ווינטער,
פיר רעדער פון וועלטוואָגן —
מיט יעדן כ'בין פאַרצווילינגט.

אַ טראָפּן זונגאָלד ווערט ניט פאַרלוירן
אין די ווינטיקע פליגל,
אויך דאָס גלייבן ווערט ניט צעבראָכן —
די גבורה פון לעבן טוט
און וועט דויערן.

פון מײַן געבײן

נעסטן אינעם בלי פֿון די ביימער,
פֿאַריאָגן די שאָטנס פֿון די שטאַמען.
פֿון יעדן סוד דער שומר —
זעלטן טוט דערמאַנען.

מײַן ווונטש: דעם עפּל וועל איך געפֿינען
מיט זאַפֿט פֿון חווה׳ס ביסן:
פֿלינק פֿון דאָרט ער איז אַנטרינען, —
פֿון מײַן געבײן נאָר גאָט אַליין וועט וויסן.

1984

פלאַם אינעם ליד

די ווערטער וואָס האָבן
אין מײַן האַרץ געגליט
און ניט דורכגעלאָזט זיי האָבן
דעם פלאַם אינעם ליד,
ווו עס האָבן שאָטנס
אויף שורות זיך באַוויזן;
געוואָרן איז פונעם בויגן פּאַפּיר —
אַ שטיין,
וואָס לאָזט רינגען אין אַ טײַך
בײַם זינקען.

1985

וויפל איז ווערט?

אַ בוים אָן בלעטער
איז טויב און שטום
אַפילו אין ווינט;

אַ גיריק אויג,
וואָס זעט נאָר זיך,
איז בלינד;

און ווער ס'האָט אוצרות אָן אַ שיעור
און אַ האַרץ ווי אַ שטיין —
וויפל, משטיינס געזאָגט
איז ווערט זײַן געביין?

1986

ווי אַ פונק

דער וואָס פון זיך אַנטלויפט
ווייסט ניט אַז די וועלט איז אַ שפּאַן:
מ'קאָן ניט פאַרהיטן די הויט,
ווען ס'העמד אויפן לײַב איז אין פלאַם.

ניט תּמיד דאָס וואָרט וואָס בריט די צונג,
אויפן פּאַפּיר קאָן מען זאָגן,
אָפט איז ס'וואָרט ווי אַ פונק,
וואָס האָט צום הימל אַ וואַלד געטראָגן...

■

פון די געשיכטע־ספרים —
דער שטראָם פון גרוילן,
די שוואַרצע שליוזן־טאָוולען
נאָך ניט פאַרמאַכט;
יעדער נייַער הענקער,
ווי דער „פּאַטער פון די פעלקער״,
ווערט אַ פאַרזייער פון קברים
אויף בלוט צעווייקטער ערד
און קיינער פון זיי האָט דער וועלט
נאָך קיין ליכטיקן שטראַל ניט געבראַכט,
ניט באַשערט.

1981

אַ שטיין

כ׳וועל איצט ניט דערמאָנען דײַן נאָמען:
דו —
געווען צו מיר ביסטו
ווי
ווײַן
און
סם
אין
איין
פלאַש.

איך פיל נאָך דעם טעם
אויף מײַן גומען.
ווי אַ באַרג אַש וואָס
געבליבן פונעם פלאַם —
נאָר ס׳האַרץ — ווי אַ שטיין
וועט שטומען.

1967

יאָרן

פון אַלטקייט די גרויסן
ווער עס מײַדט אויס זיי צו הערן,
אויך אויף פֿאַרשאַטענע וועגן
מ׳זעט מער ווי איין שטערן.

יאָרן ווערן ניט ייִנגער
פון האַלטן זיי אין ציילן,
ווי ס׳ווערן קיינמאָל ניט נעענטער
די ווײַטסטע מײַלן.

פאַר די אויגן די נעכטנס,
ווען אַפילו געזונקען,
בלויז די מאָרגנס ווערן געבוירן
מיט פנימער — פונקען.

1985

צעליכטיקטע וועגן

אין טאָל — אַ פּאַסטעך מיט אַ סטאַדע
פּייפט אַ ניגון. פאַר די גראָזן — אַ באַלאַדע.

אַן איינזאַם ביימעלע — אַ גאָלדענער שירעם,
אינעם זוניקן גלי — אַ ליכטיק צירונג.

אַרום די ביימער, מיט זונליכט באַגאָסן,
קײַען די שעפּסן די טוייִקע גראָזן.

מיט אַ זמר, די צעווויגטע צווײַגן,
צום ווינט־דיריגענט טוען זיך פאַרנייגן.

ווײַסינקע פעדערן אויף בלעטלעך געבליבן
סימנים פון ליבשאַפט אויף קאָרע פאַרשריבן,

און פריידיק אויף די צעליכטיקע וועגן
איך גיי דעם מאָרגן, דעם יונגן אַנטקעגן.

1983

■

אַ בוים אָן בלעטער
איז טויב און איז שטום,
אַפילו ווען עס וויגט אים דער ווינט.

אַן אויג אַ גיריקס,
וואָס זעט נאָר זיך
איז פינצטער, איז בלינד.

און אַז ד׳האָסט אוצרות אָן אַ שיעור
נאָר אַ האַרץ ווי אַ שטיין —
וויפל איז ווערט דײַן געביין?

1987

זײַן כוואַליק האַרץ

איך בין ניט דעם שטורעמס עדות
און אויך ניט בלינד.
ניט איין מאָל —
סײַ זומער,
סײַ ווינטער,
דרימלט דער ים ווי אַצינד.
אָפטמאָל,
מיט טיגערישער גבורה
בורעט ער די גרונטן,
די טיפֿן,
זײַן כוואַליק האַרץ,
מיט וואולקאַניש צאָרן —
צעפּאַלמעסן שיפֿן.

ניט נאָר איך בין אַן עדות.
אויך דער ים,
מיט אַ כוואַליקן צאָרן
פֿון די ווײַטע וועגן,
פֿון ווײַטע יאָרן
איז פֿאַרשיכּורט זײַן קומען.
ניט איין מאָל,
מיט רוישיקן ברומען
זעלבסט־מאָרד ער באַגייט
בײַ די זאַמדן פֿון די ברעגן.

1982

ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפּעט

ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפּעט
יינגער צו ווערן,
ווען נאָענט צו מײַן שוועל
קומט די פולע זעט
און מײַן פרייד איז אָן אַ גרענעץ —
פליגל מיט טרערן.

נאָענט, אַזוי נאָענט איך הער קלאָר דעם ניגון:
די ווײַטסטע שטערן גאָלד זיי ווערן
אויפן לייטער מיט שטיגן,
און שטראָמען מיט שטראַלן פון זון.

דער הימל
וואָס שלאָפט אויף מײַנע שויבן
העלער, העלער ער נעמט ווערן.
פון נאָענט אַ קול כ׳טו הערן.
הייסע פונקען שווימען אין טרערן.

1985

פאַרן ליד

כ׳וועל נעמען פאַרן ליד
פון געשײַערטן מעש דעם בלאַנק,
פון האַמער אויף קאָוואַדלע —
דעם ריטמישן קלאַנג
און די פונקען פון אײַזן צעגליט,
ווען ראָד און רייף ווערן צוזאַמענגעשמידט.

כ׳וועל נעמען פאַרן ליד
די שײַן פון באַגין,
פון טוי דעם זוניקן צערין
און דעם ערשטן שפּראָץ פון דער ערד,
וואָס אים איז קערנדלער באַשערט.

כ׳וועל נעמען פאַרן ליד
דעם אָטעם פון ווינט,
דעם ניגון פון צווײַגן צעגרינט,
וואָס יעדער בלעטל איז פאַרהיט —
זיי אַלע וועל איך נעמען פאַר מײַן ליד.

מײַן שרײַבשטוב

מיט וואָס איך בין געבענטשט —
ניטאָ נאָך אַזאַ וואָג, אַזאַ מאָס
צו מעסטן און װעגן
מײַן צעליכטיקט פאַרמעגן.

פון מײַנע שרײַבער־ברידער
וואָס מיט ליבשאַפט געשריבן
האָבן מעשׂה־ביכער און לידער
איז אַזוי פיל ליכט אויך מיר געבליבן.

פון די ווײַטסטע מײַלן
פון די ליכטיקסטע פאַרזייער
געוואָרן זיי מיר נאָענט —
ליב אַזוי און טײַער.

זייערע בריוו זאַפטיקע
ברענגען תּמיד מיר לעבנספרייד,
מען שאַפט מיט פלייס, און
מען אַקערט און מען זייט.

האָבן זייערע ספרים מײַן שרײַבשטוב באַקרוינט
ניטאָ מער דער שאָטן אַרום זייערע בילדער אויף דער וואַנט.

פון פולע פּאַליצעס די ביכער, ספרים,
איך לייען ווידער און ווידער,
עס גייען אויף פאַר מיר ניגונים פון פּאָעמעס,
און — געלײַטערטע לידער.

צוריקקום

בעת מײַן פּען האָט ס'ליד ניט דערשריבן,
געהאָלפן האָט מײַן שפּאַנען זיך אין וואָגן...
די ווערטער — אָן צאָפּל זיי געקליבן,
ניט אויסגעקליבן שורות וואָס אַ ליד דאַרף פאַרמאָגן.

האָב איך פון ווערטער־אוצר נײַע גענומען
געמאָסטן זייער ריטעם, דעם זין און באַטײַט.
זיי האָבן באַטעמטע גערוט אויף מײַן גומען
נאָר ניט געפּלאַטערט, ניט צעבלישטשעט די ווײַט.

אַז געבליבן איז מײַן ציל ניט באַזונט
האָט דער אומרו מיט שווייס מיך באַשלאָגן,
אין מײַן האַרץ יעדער אָדער האָט געמאָנט —
פון די אימאַזשן און בילדער די שאָטנס פאַריאָגן.

האָבן ניט געפּעלט קיין פלעקן אויפן ווײַסן פּאַפּיר,
און געטונקלט האָט בויגן נאָך בויגן,
די בייזע עקשנות ניט געשיידט האָט זיך פון מיר
ביז די קלאָרקייט איז צוריקגעקומען צו מײַנע אויגן.

1982

■

כ׳פיבער ביי אַן אָפּענעם ספר.
מיין האַרץ
ווי פון אַ קריעה־ריס
גליט,
ברענט.
דער נאַקעטער אמת —
שוין לאַנג מיר ניט פרעמד.
כ׳בין ווייט
פון יענעם גהינומדיקן פלאַם,
און פון יעדן פאַלשן שפּאַן,
פון יעדן בלוטיקן טריט
וואָס מיין אויער האָט וועגן דעם זיך אָנגעהערט.
איך פיבער פון דעם וויי,
און עס ווערט דער תוכן פון מיין ליד
אַ קוש פון אַ שווערד.

1982

פאַר טאָוולען גרייט

א.

...ניט פאַר אַלע שורות
איך ווער באַלוינט:
ניט פון אַ ניגון —
האַרציק געקרוינט.

מיט דעם וואָס בין געבענטשט
קיין וואָג ניטאָ,
אַ ברעקל מאָס פאַר מײַן רו.

האַרציק איך זינג פון מײַנע זינגער־ברידער
אַ זינגען פון פרייד —
פון זייערע נײַע לידער.

ב.

באַשערט געווען מיר אַנטרינען
פון היטלערס פײַער,
פון סטאַלינס קוילן;
געווען באַשערט מיר אַ היים געפינען —
אַ לעבן
אָן פײַן און גרוילן.

שיק איך צו חברים איבער אָקעאַנען
בריוו פון צער און פון פרייד;
כ׳מעלד זיי אַז אַ ליבשאַפט
צווישן אונדז איז פאַראַנען.
און מײַנע לידער צום באַקלייד
זענען פאַר טאָוולען גרייט.

1975

קיין מאָל ניט פול

גאָרנישט איז ניט נײַ אויף אָט דער וועלט.
ניט אויף דער ערד האָט די זון זיך געשטעלט,
און ניט דעם ווינט
האָט אָטעם אויסגעפּעלט.

ניט דער גיהנום געוואָרן איז קאַלט
און ניט דער גן־עדן — צעברענט.
ניט אַ שטערן וואָס ווערט פאַרלאָשן —
דעם קלאָרן הימל האָט פאַרשטעלט.

ס׳האָט קײַן דער ערשטער בלוט פאַרגאָסן:
זײַן ברודער געווען איז דער קרבן.
וועט קומען אַ מאָל אַ סוף צו די סופן —
דעם טאָג פון מלאך־המוות צו פאַרדאַרבן?

דער „ים פון געזאַלצענע טרערן"
איז קיין מאָל ניט פול,
ווײַל גאָט אינעם הימל וויל ניט הערן —
די קולות פונעם יאָמערטאָל...

1985

געבונדן

עס איז ניט מײַן טבע
דעם אמת צו באַהאַלטן,
פֿאַרהילן די ווערטער
אין אַ שלייער פֿון סודות.
איך האָב פֿײַנט מאַסקעס —
גרימירטע געשטאַלטן
און מײַלן ווײַט —
די קייטן פֿון עבדות.

וואָס עס קומט ניט פֿון האַרץ,
פֿון אָטעם הייסן
ווייסט ניט דעם טעם פֿון שלום:
די וועגן
ווערן ניט פֿאַרשוווּנדן,
און מיך אויף אָט די וועגן
האַלט דער חלום געבונדן.

1982

די עלעקטרישע גאונים

קאָמפּיוטערס, אויסגעשטעלטע אויף מײַלן,
די מוחות די טעכנישע זיי קאָנען ציילן
פון וויפל זעמדלער זענען בערג געוואָרן;
אַריבער די וואָלקנס, אַזש ביז הימל קלאָרן,
און אפשר פון הימל נאָך ווײַטער און העכער —
אויף ווײַטע פּלאַנעטן — מיט שטערן־פּלאַמען,
די אֵין־סופיקע צאָל, ווי טראָפּנס פון ימען.

קאָמפּיוטערס — וויזיעס צו מעסטן די טיפסטע קאַנאַלן —
קאָנען חשבונען די דינע גאָלד־פעדעם וואָס פאַלן
פון הימלישן ראָד — דער געטלעכער וווּנדער,
וואָס האָט צעלויכטן די מוחות און זיי צעצונדן.

די עלעקטרישע גאונים מאַכן פון מײַלן אַ שפּאַן,
און פון דעם שפּאַן — גרענעצלאָזע מײַלן,
נאָר די אייגענע חולאתן
זענען זיי בכוח צו היילן?

1985

צוויי ברידער

צוויי ברידער האָבן פאַר גאָט אַן אָפּפער געבראַכט.
פאַרוואָס נאָר איינעמס אָנגענומען?
פאַרן צווייטנס — די הימלען פאַרמאַכט,
ווי פאַר אַ קרבן אַ טמאה׳ן?

ווער האָט איין ברודער פאַרקלעמט און פאַרשעמט,
אים געפּייניקט מיט קנאה און מיט צאָרן?
דער צייכן וואָס אויף זײַן שטערן ברענט
באַקלאָגט דעם ברודערס יאָרן.

1971

געזייט אויפן ווינט

אויף אַ גאַס אַ שטילער, מיט ביימער און בלומען,
זונטיק, מיט מײַן הונט איך גיי אויף אַ לאַנגן שפּאַציר.
הײַנט — כ׳רײַס פון זיך שטיקער וואָס כ׳בין אַהער געקומען
זען וואָס מ׳שלעפּט דורך אַ צעפּראַלטער טיר...

זיי וואַרפן די פּעק אין אַן אָרט ניט קיין ריינעם:
פּטור ווערן פון אַזאַ ירושה וואָס גיכער...
זיי וועלן זיך שוין ניט שעמען פאַר די „פענסי" שכנים
מיטן טאַטנס ביבליאָטעק — די זשאַרגאָנישע ביכער...

1953

פאַרוואָס ?

בעת ס'האָבן שפּאַצירט אין גן־עדן
אָדם און חוה
האָבן זיי די פייגל באַגלייט
אין אַ צוויבערדיקן כאָר.
פאַרוואָס האָט די שלאַנג
זיך געשטעלט ווי אַ פּאַווע
און פאַרסמט ס'לעבן
פונעם גליקלעכן פּאָר ?

מיט צאָרן האָט גאָט
די שלאַנג פאַרשאָלטן,
נאָר פון גן־עדן
דעם מענטש גאָר פאַרטריבן.
פאַרוואָס איז אין די געטלעכע געשטאַלטן
דער שלאַנגישער גיפט נאָך אַלץ פאַרבליבן ?

1986

אויף קברים הייליקע

אויף אײַערע קברים קלאָגן נישט קיין בלומען. —
מיר ווייסן אַפילו נישט ווו עס רוט אײַער געביין.
נאָר אין האַרץ פון פאָלק לעבן וועט יעדנס נאָמען,
לענגער ווי אַ געקריצטער מצבה־שטיין.

מיר זענען אבלים געבליבן. די קעפּ אין פּײַן געבויגן,
ווי די זיידעס אַמאָל בײַ קריעה־שניט.
אויך בײַ גאָט, דאַכט זיך, בלוטיקן די אויגן,
ער ברומט משונה׳דיק אַ ייִדיש ליד.

דאָס ליד וואָס פּעפּער האָט ניט דערשריבן,
פון פּרץ מאַרקישעס לעצטע טריט.
ווי אַלע דונערס אין דער תּפיסה זיך פאַרקליבן,
געקלונגען האָט זײַן קול: „איך בין אַ ייִד!״...

אין שמאַטעס געוויקלט, זײַן פאַרצערטער גוף,
צעאָטעמט אין שאָטן אויף די נאַסע ווענט,
ער האָט פּלוצעם דערהערט אַ ווײַטסטן רוף,
פון אַלע מאַרטירערס צו אים געווענדט.

אָט זעט ער פון דער תּליה רײַסט זיך הירש לעקערט,
אין די גראַטעס די שטאָלענע ברעכט זיך הירש גליק:
„...בערגעלסאָנס קאָפּ פון קוילן צעלעכערט?
פאַר מאַרקישעס האַלדז וואַרט אַ שטריק?!״

ווי פליגל האָט הירש לעקערט די הענט צענומען
ווען דעם ועכטערס שליסלען געטאָן האָבן אַ קלונג:
„— איז דוד בערגעלסאָן אומגעקומען
פאַר ׳פענעקן׳ דעם זינדיקן יונג?...״

„לייב קוויטקאָ און דער נסתּר געווען זענען „פֿאַררעטער״
און קולבאַק און כאַריק — „שונאים פֿון פֿאָלק?״
אָ, גאָט פֿון אַלע געטער! —
זע ווי אַ צונג קאָן ווערן צעפֿוילט...״

„דעם תּליונס צעפּאָכעטע האַק, די שאַרפֿע
געמוזט, געמוזט האָט מען פֿאַרהאַלטן!
און יעדן מאַרטירערס צעשפּאָלטענעם קאָפּ —
אין אַ בעט פֿון בלומען באַהאַלטן״.

אַלע ווינטן מיט פֿײַער דעם חשבון וועלן צעטראָגן,
אויך דער גיהנום דערפֿילן זאָל דעם פֿלאָם;
מיט אַלע טויטן ווערן זאָל דערשלאָגן
ווער סע האָט פֿאַרשניטן די צונג פֿון מײַן שטאָם!

הירש לעקערט איז אַרײַנגעקומען מיטן פֿאַרבלוטיקטן שטריק
וואָס האָט אַמאָל זײַן האַלדז דערוואָרגן.
אויף פּעפּערן האָט גערוט זײַן צעגליטער בליק:
„— **אויך דו וועסט ניט שטאַרבן!...**״

„מײַנע הענט זענען עדות: דורך אַלע שטורמישע יאָרן
פֿאַרבליבן זענען טיפֿע קאַרבן:
ווי קאָן איך איצט טרײַבן פֿון זכּרון
דעם קאָליר פֿון די שוואַרצסטע פֿאַרבן?״

וועלן מיר געפֿינען פֿאַרן האַרץ הײַנט אַ באַנדאַזש?
קאָן אַ באַנדאַזש פֿאַרדעקן די־אַ־וווּנד?
האָט ווער פֿאַרגעסן פֿון מאַידאַנעק דאָס אַש
וואָס בײַם געוויסן פֿון דער וועלט אַ חשבון מאָנט.

דער צער איז מײַן האַרץ גאַרניט פרעמד:
צו נאָענט זײַ ביידע — אין זעלבן שפּאַן...
נאָר קיין מאָל, קיין מאָל האָט אויף לײַב מײַן העמד
געפילט דעם גלי פון אַזאַ־אָ־פלאַם.

ווערט בלײַבן די אומרו אין מיר פון די ימען —
כ׳וועל קיין מאָל ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק,
אַז נאָר דעם תּליון דאַרף מען פאַרדאַמען,
און נישט נאָר **אים אַליין** האַלטן אויף דער שולדיק־באַנק!

1956

צוועלף מיליאָן אויגן

פֿאַר דעם נאַקעטן אומרו
וואָס שטיקט און וואַרגט
מײַנע פֿאַרפֿישופֿטע מעת־לעתן,
ווו געפֿינט מען אַ תּיקון —
ווו?

כ׳בין ווי אַ שיף אויף כוואַליקע מײַלן.
פֿול איז מײַן האַרץ מיט צער
און מיט וווּנדן
וואָס לאָזן זיך ניט פֿאַרהיילן.

אין תּכריכים פֿון אַש
די צוועלף מיליאָן אויגן
וואָס זענען פֿאַרלאָשן געוואָרן.
אין מײַן זכּרון — די צעגליטע אויוונס
וואָס איך פֿיל זײַערע פֿלאַמען.
בײַ תּליות פֿון יאָרצײַטליכט
כ׳זאָג קדיש נאָכן ציפֿער
און דער אומרו אין מײַן געביין
ווערט טיפֿער און טיפֿער.

1981

דאַרפסט קיינעם ניט דערציילן

לאָך ניט פון מיר.
דאַרפסט קיינעם ניט דערציילן, זאָגן:
כ'האָב געפרווווט דעם ווינט יאָגן און דעריאָגן.

נאָר ער האָט די שילדן
לאָבוזדיק געריסן
און אין יעדן קוימען זיך בייז אַרײַנגעביסן.

געלאַכט ער האָט, ציניש
אַראָפּגעשריגן פון יעדן דאַך,
זיך צוגעפּײַפט ס'ליד פון שטורעמדיקער שפּראַך.

נאָר מיך האָט דער שטורעם
לגמרי ניט געשראָקן,
כאָטש זײַן קול כ'האָב געהערט ווי פון ווינטיקע גלאָקן.

כאָפּן ר'איז געלאָפן מיך,
מיט שטריק מיך בינדן,
מײַן הויט, ווי קאָרע פון דיביימער, אָפּשינדן...

נאָר אָט איז געקומען
אַזאַ זאַפטיקע רויז —
מײַן שכנס טאָכטער רוען אין מײַן שויס;

צו מיר זיך געטוליעט,
מיך געהאַלדזט און... געלאַכט:
ווער חלומט דאָס פון אַ געליבטער
בעת עם שטאַרבט אים אָפּ די נאַכט?...

זײַן נשמה זעטן

ער האָט געצילט און געטראָפֿן:
אויפֿן שנייִ ברענט אַ פֿלעק...
דער הירש — מיט די אויגן אָפֿן —
גייט דעם לעצטן וועג...

זײַן ווײַב וועט די שכנים צו דער סעודה פֿאַרבעטן:
(ס׳פּאַסט זיי צו האַנדלען באַשיידן...)
דער „ספּאָרט״ וועט זײַן יעגערישע נשמה זעטן —
מיט אַ תּפֿילה צו דער שוועל פֿון גן־עדן...

דעם אייגענעם שאָטן

אַנשטעל, פּאָזע,
ווייסט נישט פֿון קיין גרענעץ,
יאָגט אויף מײַלן
און שטאַרבט ווי אַ געגעץ.
ניט יעדער האָט דעם שׂכל
דעם „איך״ צו באַקליידן
מיטן צויבערוואָרט
וואָס הייסט — „באַשיידן״.

אַזאַ מענטשל פֿאַרריסן
ווייסט ניט פֿון פֿאַרדריסן,
אויב ס׳גריזשען אים אַמאָל די שפּאָטן,
וואָגט ער ניט צו זאָגן קיינעם
— וועגן זיינע פֿאַרבאָרגענע פּלאָגן:
צוליב דער שרעק פֿאַרן אייגענעם שאָטן.

אַ מינוט קאָן זײַן

כ׳האָב בײַם שוועל די טיר ניט פאַרמאַכט,
אַ בליץ קאָן אָן אַ שיעור פרעגן.
די ווײַזערס האָבן געשניטן שטיקער נאַכט —
ווי אין מײַן האַרץ — ציין פון זעגן.

ניט נאָר דײַן האַרץ שטאַרק האָט געשלאָגן,
ביז בלוט האָבן דײַנע ליפּן געביסן:
כ׳האָב געזוכט ס׳וואָרט וואָס אַלץ זאָל זאָגן,
נאָר ווערטער ווערן אויך אַמאָל צעריסן.

אַ מינוט קאָן זײַן אַ פּײַנלעכע שעה,
די רגעס וועלן ניט שעלטן.
ווער עס דורשט נאָך אַ ברעקל רו —
אַ האָר קאָן קיין מאָל ניט שפּאַלטן...

געווען דײַנע פינגער ווי סטרונעס אויף מײַן פּנים,
שפּאַצירט אויף דיר מײַנע ליפּן ביזן שטערן.
פאַראַן אַזאַ וואָרט, כ׳ווייס איצט ניט איר נאָמען,
וואָס שווימט אַרום אין פאַרלוירענע טרערן...

1958

אַ גרוס פון דער שטאָט

מיך שרעקט אַ יעדער שאָרך און קלאַנג —
מײַן היים, ניו־יאָרק, איז פאַרדזשונגלט געוואָרן;
אפשר אין אַ געפּאַנצערטן טאַנק
וועל איך „דערלעבן" די באַשערטע יאָרן.

אויף גאַסן און געסלעך — בלאַנק פון מעסער,
איז וועמען הײַנט אַזאַ צופאַל פרעמד?
כאָטש אויף די קעשענעס הענג אָן שלעסער,
און די שליסלען קייטל צו צו די הענט.

און פיר מיט זיך אַ הונט ווי אַ בער —
ער זאָל זײַן דײַן היטער,
און אָנטאָן זיך אַ פּעלערינע מיט פאַרבאָרגן געווער,
פאַר פרעמדן שאָטן וואָס וועקט אין מיר אַ ציטער.

איך ווייס: ס'טויג אויף כּפּרות מײַן פּלאַן
און ס'העלפן ניט קיין פּלענער —
און כ'מוז זיך היטן אויף טראָט און שפּאַן,
וואָס קאָן מיך מיטן מלאך־המות באַקענען.

אַן אויפרייס

אַן אונטערערדישע רער האָט דונערדיק צעריסן די גאַס.
פון די אַרומיקע פענצטער שטיקער גלאָז געפלויגן.
פון גרוב, ווי אַ חיהשער פיסק, האָט געזעצט גאַז —
און סמיק צום הימל זיך געצויגן.

וואָלפיש האָבן די פייַער־טראָקס געוואָיעט,
צופליִען געקומען פון אַלע זייַטן:
דאַכט זיך, ס'האָט קיין מינוט נישט געדויערט
און ס'האָט געמבולט ווי אין נח'ס צייַטן.

כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען פאָליציי אַזאַ צאָל,
ווי אויף יעדן שפּאַן וואָלטן נעסטן מינעס.
די אַמבולאַנסן פון די אַרומיקע שפּיטאָלן,
האָבן די פאַרגאַזטע לופט געשניטן מיט סירענעס.

כ'בין נישט אַנטלאָפן פון שלאַכט אינעם פרילינגדיקן טאָג,
אַן אמת שלאַכטפעלד איז מיר נישט פרעמד.
נישט איינמאָל איז מייַן גורל געלעגן אויף דער וואָג
אין אַ נאָרמאַנדיע־גרוב, ווו יעדער שפּאַן האָט געברענט.

אַן אויפגעריסענע רער האָט אַ חורבן געמאַכט,
דאַנקען גאָט, דער מלאך־המות איז געקומען צו שפּעט.
לאַנג, לאַנג — מיט גריזשענדיקן באַדויער געטראַכט
פון אַ ווייַט דזשאָנגל־לאַנד מיט פאַראַשטע שטעט...

1948

כ׳וועל פֿאַרנעסטן אין אויער

צווישן שפּער־ווענט
כ׳בין מער ניט פֿאַרקלעמט:
פֿון די פֿלינקע נאָדלען —
שוין מער ניט קיין מידער.
די פּען איז מיר ניט פֿרעמד,
אַן עדות —
מײַנע לידער.

די בערג גאָלד פֿון דער זון
איך באַוווּנדער זייער גליִען,
מיט טויבן פֿון מײַן דאַך
כ׳פֿלאַטער מיט מיט זייער פֿליִען.

אין אויער כ׳וועל פֿאַרנעסטן
די פֿייגל־ניגונים אויף די דראָטן
און די שורות צעוויגטע
מיט נאָך־ניט־געשריבענע נאָטן.

1974

כ׳בין ניט קיין גאַסט

כ׳בין ניט קיין גאַסט דאָ
און אויך ניט קיין מחותן
מיט די ריַיטער וואָס לויפן אין גאַלאָפּ.
מיך איבלט דער ניגון
ווי פון סקריפּנדיקע שטיגן
און לאָזט מיך ניט רוען אין שלאָף.

ניט אין דער פּען
דעם מענטש קאָנסט דערקענען,
אַפילו ווען ער ליַיכט
אין דער נאָענט און אין דער וויַיט,
וויַיל ס׳קאָנען נאָר די אויגן
און דער שמייכל פון פּנים
דיך פירן און פאַרפירן,
אָבער ניט די אויערן —
מיט נאַקעטע רייד...

אַמאָל, בשעת פּלוצעם איך טראַכט,
פיל איך פּראַקטיק ס׳העמד אויפן ליַיב
ווי זיַין ס׳וואָלט מיט איַיז גאָר באַדעקט:
וויַיל תּמיד איך זע שאָטנס פאַר די אויגן
וואָס יעדער זייער אבר שרעקט.

ניט אַלץ וואָס איז ניט גערן
געלינגט מיר צו מיידן,
וויַיל אָטעם האָט מיר פאַרפעלט
אויך ביַים הערן דאָס זעגן פון אַ זעג,
נאָר בעת געעפנט כ׳האָב די פאַרשלאָסענע טיר

פֿאַר אַ באַרימטן נאָמען
האָט גאָר די טונקלקייט זיך צעהעלט.

שוין לאַנג, שוין לאַנג
ווי מײַן צער אַ באַרג איז
פֿון זען דעם אַמאָל
נאָר פֿאַרשטויבט ניט צו ווערן;
בײַם שרײַבטיש
כ׳פֿיל אַ משׂא אויפֿן קאַרק
און זע פֿנימער אַ ראָד,
אָן אַ סימן ליכטיקייט פֿון שטערן...

1985

אין שפּיגל

ווער האָט צעבראָכן מײַנע יונגע פֿליגל?
מײַן ווײנענדיקן נעכטן מיר געשענדט?
מײַן פּנים איצט נאָנט איז צום שפּיגל —
איך זע זיך אַליין און פֿרעמד.

ס'ווײַזט מיר דער שפּיגל מײַן צעגריזשעט געוויסן
וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געטראָגן גרינג.
די רייד וואָס האָבן געוואָרגן ווי אַן איבעריקער ביסן —
אָ! פֿאַרוואָס האָב איך ניט צעשניטן אויף פּאַסן מײַן צונג?

וועל איך אפשר נאָך קאָנען אַמאָל פֿאַרגעסן
וואָס דער נײַעסטער טיראַן האָט נעכטן דערציילט?
וועט די אומרו ווי זשאַווער מיך עסן
און די ווונד אין האַרץ וועט ווערן פֿאַרהיילט?

צו אַ פֿאַלשן גאָט האָב איך יאָרן געדינט,
ווער נאָך האָט געקאָנט דינען געטרײַער?
פֿון זוניקע פֿעדעם מײַן פֿאָן כ'האָב געשפּינט,
די פֿאָן, ווי מײַן בלוט, רויטער ווי פֿײַער.

פֿול איז געוועזן מײַן האַרץ מיט לויטערן גלויבן —
(מיליאָנען ווי איך האָבן הייליק געגלויבט)
„ווי קיינער קאָן פֿון מיר די זון ניט רויבן,
אַזוי וועט מײַן פֿאָן ניט ווערן פֿאַרשטויבט".

פֿון אַ ליד, אַמאָל, איז דאָס מיר פֿאַרבליבן,
ווי אַן ענטפֿער צו אַ „שונא", וואָס האָט מײַן „גאָט" פֿאַרדאַמט;
אָ, יאָרן מײַנע! כ'האָב אײַך אין שטויב פֿאַרשריבן —
ניט איך האָב אײַך באַדעקט מיט שאַנד...

זי ליגט ניט אויף אַ שאָל

א

די געקליבענע ווערטער
בײַם געבורט פונעם ליד,
כ'וועל זיי באַקליידן
מיט געשליפענע גראַמען:
טיף זיי פאַרוואָרצלען
אין פאָלקישע שטאַמען;
וואָרעם אוצרות מיר פאַרמאָגן,
און האַרציק מיר זאָגן: —
דעם פאָלקישן גורל —
ניט איך וועל באַקלאָגן.

ב

אין טאָל, אַ פאַסטעך מיט אַ סטאַדע,
פײַפט אַ ניגון, פאַר גראָזן אַ באַלאַדע.

אַן איינזאַם ביימעלע, אַ גאָלדענער שירעם,
אינעם זוניקן גלי — אַ ליכטיק צירונג.

אַרום די ביימער ווי זונשטראַלן פליסן
קײַען די שעפסן די טויִקע גראָזן.

מיט ניגון פון צעוויגטע צווײַגן,
צום ווינט־דיריגענט זיך פאַרנייגן.

סימנים פון ליבשאַפט וואָס אין נעסטן געבליבן —
ווײַסינקע פעדערן אויף בלעטלער פאַרשריבן:

„די טיפקייט פון אַ טאָל
ליגט נישט אויף אַ שאָל”.

1984

אַ היפּי רעדט

כ׳בין זיי מוחל דעם קאָסמאָס־פּאַרמעסט
און די קאַזאַרמע־קולטור;
איך וויל ניט מײַן לעבן
זאָל הענגען אויף אַ האָר.

פון דער צווייטער וועלט־מלחמה
זענען סימנים פאַרבליבן
אויף מײַן טאַטנס גוף.
פון וויעטנאַם —
מײַן ברודער
וועט מער ניט קומען צוריק.
די שלאַכטן־באַריכטן
ווי פּיאַווקעס נאָגן מײַן מוח —
שווער צו פאַרשטומען דאָס ראַדיאָ־מויל
וואָס שטערט מײַן שלאָף.
האָט גאָט באַשאַפן נאַר גרויל?
בין איך אין אַ ברענענדיקן וואַלד
ווו דער וואָלפישער פּיסק
האָט דערשמעקט מײַן נאָרעדיקע הייל?

כ׳בין מוחל דעם וווּנדער
פון די הימלשע ספערן.
כ׳האָב געשוווירן און וועל שווערן:
איך
וועל
ניט
גיין
אין קריג!

כל־העלפן

און ווען העלפן בויען
מיט ציין און נעגל —
אַ שלום־בריק!

איך — אַ זקן — קוים אַלט צוואַנציק יאָר.
מיר איז קלאָר
זייערע „זיגן".
אויף קוליעס
שלעפּט זיך ניט מײַן געוויסן.
פון גרענעצן די צאַמען
האָט מײַן דור אויפגעריסן.

פאַרפּירעריש איז דער אויסגעטראַטענער שליאַך.
אַ הימל אָן שטערן קאָן אויך זײַן אַ דאַך.
בײַם שטורעם האָב איך גענומען די פליגל
אָבער ניט אויף מײַן מויל
כ׳וועל טראָגן אַ שלאָס און אַ ריגל.

אויב דער הײַנט איז אַ ווולקאַן,
ווער וועט צאַמען דעם צעבורעטן ים?
מײַן שטורמיש געמיט
איז פײַערדיק צעגליט,
מײַן מאָרגן? —
אפשר אַ באַרג,
אפשר אַ טאָל,
נאָר קינס צייכן
וועט ניט ברענען אויף מײַן שטערן:
אויב דער סוף איז שטויב —
בענק איך ניט נאָך שטערן!

אַ זשאַווערדיקער גראָשן...

אַ יאַפּאַנער. אַ זקן.
מיט אויגן קוים־קוים אָפן.
אויף זײַן גאָרגל שפּיציקן
געקנייטשטע טרעפּעלער שלאָפן —
איז מײַן ניט־געבעטענער גאַסט
בײַם האָטעל, אויף אַ באַנק.

ר׳איז געקומען מיר דערציילן
ווען געווען ער איז יונג,
געלערנט די ענגלישע שפּראַך —
אַן אוצר פאַר יאַפּאַן,
אַ געניאַל פאַך.

ער רעדט צו מיר קלאָר
מיט אַ ניגון ווי פון נאָטן:
ר׳האָט געקראָגן אַ מעדאַל
פאַר אויספירן געטרײַ
רוצחישע FMPEROR געבאָטן...
„נאָר מײַנע דרײַ זין
זענען אַהיים ניט געקומען,
אַ גענעראַל — אַ מלאך
איז געקומען בענטשן מײַן נאָמען״...

ווײ, ווי מיט שׂנאה, אָן בושה,
ער שענדט מײַן לאַנד;
זײַן שטיין דאָ נאָענט
ווערט מײַלן ווײַט פון מיר,
און עס ווערן מײַנע פינגער —
אַ פויסט.

— !אָ, ניין

איך בין יאַפּאַן נישט מוחל
פאַר דאַרפן אָנטאָן אַ מונדיר
און לאָזן שלייַכן מייַנע פיס
אויפן פראָנט פון נאָרמאַנדיע,
אין גיהנומדיקן פלאַם,
כּדי צו פילן דעם פאַרלענד
פונעם מענטשלעכן מין.

נאָר ער איז נישט דער איינציקער
יאַפּאַנער,
וואָס מאָנט זיך נישט נאָר בייַ מיר,
נאָר בייַ גאָר דער גרויסער וועלט
אַ זשאַוועראַדיקן גראָשן — — —

1986

אַ ליד ווערט געבוירן

א

איך ווייס ניט ווו דעם אוצר פון אַ ניגון
ליַכט איז צו געפינען,
ווער געבענטשט ס׳איז מיט זיגן —
איז זוניק אים דער באַגינען.

שירה פון באַשמטע פּאָעטן
ליַכט מיר תּמיד פאַר די אויגן ;
מיַן הונגער מיט זעט זיי זעטן —
זאַנגען ריַפע אויף די בויגנס.

אין מיַן גאָרטן — פון פייגל דער ניגון,
אַזאַ כּאַר איז זיס מיר צו הערן ;
די צוויַיגן פון בוים, די בלעטער פאַרוויגן,
נאָך איידער געבוירן ווערן שטערן.

פון ווינטן און שטורעמס
וואָלקנס אויף טורעמס נעמען קראַכן.
די בליצן רעדן מיט די דונערס
אויף הימלישע אַלערליי שפּראַכן.

דער צויבער פון רעגנבויגן וואָס אַ מאָלער האָט געמאָלן
אויפן הימל ער ליגט איצט באַהאַלטן ;
צווישן בערג און טאָלן שטערן זיך נייגן
פאַר פנימער — לבנה־געשטאַלטן.

און די נאַכטיקייט קומט אָן
אויף הימלקראַצערס דעכער
דער טאָג, אַ מידער, גייט שלאָפן,
דעם זייגערס ווייזערס — ווי אויגן אָפן,
היטן די מינוטן, די שעהען.

ב

אַ ליד ווערט געבוירן פון פרייד און פון צער;
פון אויוונס די פונקען, פון קוילן דער זשאַר.

פון לאָנקעס די גראָזן מיט טוי אָנגעזויגן
פון טרויער די טרערן — נאָדלען אין די אויגן.

פון ימיקע כוואַליעס אָן אַ רגע פון רו
הונגעריקע מעוועס אַרום שיפן פאַלן צו.

פון אָדלערישע פליגל אין די הייכן אין בחירה,
מיט ריטעם פון ווערטער, מיט גלעקער פון שירה.

די טירן און טויערן אָן שלעסער, אָן ריגלען;
דער ניגון פון לידער — אַריין אין די שפּיגלען.

און אַז אַ ליד ווערט געבוירן
און פון האַרצן איז דער ניגון,
זענען די אותיות פול שטורעם
וואָס אויף וואָלקנס זיך וויגן.

1984

טיפער פון ים

צו ש. און שוו.

ניט יעדער מוזיק מײַן אויער איז גערן,
ניט יעדער ליד איז מיר געזאַנג:
תּפילה־ניגון וואָס לײַטערט — טרערן
נעמען מיך אַרום מיט גלויבנס־געפאַנג.

ווי סטרונעס וואָס שפּילן אויס נאָטן
אַזוי מײַנע ווערטער אויפן ווײַסן פּאַפּיר: —
גאָטעניו! אויב אַ וואָרט איז אין שאָטן
וועט עס בלײַבן ווי אַ שלאָס אויף מײַן טיר?...

פון שלמהס שיר־השירים־געזאַנגען,
פון ירמיהס גורלדיק קלאָגן,
ניט איינמאָל פון זיי כ׳ווער געפאַנגען,
נאָר מײַן וואָרט ז׳ניט בכּוח זייער וויזיע דעריאָגן...
— — — — — — — — — —

וויפל יאָרן איז מיר נאָך געבליבן
זוכן דעם פונק פונעם פלאָם:
— וואָס זייער פעדער האָט ניט דערשריבן
איז טיפער פון ים.

דאָס ניט־דערזאָגטע

דאָס קורצסטע ליד
איז אָפט צו לאַנג,
ס׳לאַנגסטע — צו קורץ,
אויב עס האָט דער דיכטער זײַן געמיט
אין דער וועלט אַרײַן פאַרטראָגן.

אויך ווען לויטער דער געדאַנק איז
און דער ריטעם,
דער קלאַנג. —
נאָר אין ניט־דערזאָגטן
וואָס איז פול מיט סוד
האָט ער דיר עס צוגעטראָגן.

1982

דער פײַף

פאַרסאַפּעט בלײַבט שטיין דער לאָקאָמאָטיוו,
טוט אַ פײַף און אַ שווערן הויך,
דער וואָקזאַל טוט זיך אַ וואַקל ווי אַ שיף
און פאַרדעקט זיך אין אייגענעם רויך.

אומזיסט האָב איך לאַנג דאָ געוואַרט:
דער גאַסט איז לײדער, ניט געקומען.
אויב די באַן האָט מיך אָפּגענאַרט
האָב איך זײַן פײַף מיט זיך מיטגענומען...

1966

טויזנט מאָל

כ׳בין געבענטשט,
טויזנט מאָל געבענטשט.
מײַן היים איז דאָ,
ניט ווי אין פּחד דאָרט
אין אַ צוואַנג־זשאַקעט
צווישן קראַטעס פֿאַרקלעמט.
ווי כ׳וואָלט באַגאַנגען אַ מאָרד
פֿאַר מאָנען אין ליד
די פֿרײַהייט פֿון וואָרט.

די געשיכטע־ספֿרים
זענען ניט פֿון גרוילן פֿאַרמאַכט.
יעדער נײַער הענקער,
ווי דער „פֿאָטער פֿון די פֿעלקער"
ווערט אַ פֿאַרזייער פֿון קבֿרים
אויף בלוט צעווייקטער ערד,
און קיינער פֿון זיי האָט דער וועלט
קיין ליכטיקן שטראַל ניט געבראַכט.

קאַרגט ניט ס׳זוניקע האַרץ
די גאָלדענע פֿײַערן פֿון הימל.
דער הימל מיט צעפּראַלטע טויערן —
וועט דויערן און דויערן.

און איך ?
מײַן זכרון מיך דערמאָנט
אַז מיט נאָך אַ יאָר כ׳בין געוואָרן עלטער.
די פֿייגל וועלן ווידער אַוועקפֿליען
און ווידער קומען צוריק ;

די בלומען וועלן בליִען,
די צווײַגן — גרינען,
די ווונדן פֿון די שטורעמס די זון וועט פֿאַרהיילן
נאָר כ׳ווייס ניט און וויל ניט וויסן —
וויפֿל נאָך סעזאָנען
מיר באַשערט איז זיי צו ציילן...

1981

מײַן געוויסן

איך זיץ שבעה נאָך מײַנע יאָרן
וואָס כ׳האָב עקשנותדיק געגלייבט
אין די נײַע צאַרן, —
די גיפטיקע שלאַנגען!
געקנאָטן מיט געפּאַרן,
טויב און בלינד —
ווּהין כ׳בין געגאַנגען.

בייזע ווינטן האָבן שטורעמס געבראַכט
און צעוועקט מײַן געוויסן;
פלאַמיק מײַן געמיט איז
ווי אין זשאַווערדיקע קייטן
אין אַ טורמע געשמידט: —
יאָרן, יאָרן — תּושכדיקע נאַכט
מיט שאַרפע ציין —
האָבן מײַן האַרץ צעביסן
און מײַן געוויסן...

כ׳בין ווײַט

כ׳בין מער ניט קיין קנעכט
ווי יאָרן לאַנג כ׳בין געווען
אַ געשפּאַנטער אין אַקער:
לידער אויף בויגנס
כ׳גלי אויס בײַם פּאַרזיי
אין מײַן האַרץ־געפּלאַטער.

מיט שוויס און מיט מי
גראַמען און ווערטער איך שלײַף,
די קלאָרקייט אויף מאַמע־לשון
וואַכע אויערן זאָלן הערן:
כ׳בין ווײַט פון צו זײַן מאָדערן,
כּדי מיט פאַרשטאָפּטע רערן
צו טראָגן אַ פּאַק אַ שווערן.

איך היט ניט די ווײַזערס
אין שעהען פון זייער שווימען
ברענגען דעם באַגינען.
בילדער אויף בויגנס כ׳טו מאָלן
מיט ריטמישן קלאַנג.
און שוין יאָרן
נעסטעט אין מײַן זכּרון
מײַן ניי
און פרײַ
געזאַנג.

1985

פון זומפּיקע וועגן

ס׳האָט מײַן גורל מיך אַמאָל פאַרטראָגן
אין פרעמדקייטן אויף ווײַטע מײַלן.
נאָר איצט האָט ער געבראַכט מיך צו אַ קלאָרן ברעג.
די פאַרלוירענע יאָרן —
ס׳טוט ווי זיי צו ציילן.
כ׳בין געגאַן דאַן פאַרשיכּורט
אויף אַ זומפּיקן וועג.

איצט זענען זיי אָפן
און כ׳זע קלאָר מיט די אויגן
דאָס, וואָס געווען איז
אין נעפּלען פאַרבאָרגן.
כ׳האָב אַלץ שוין געמאָסטן,
און אַלץ שוין געוווויגן;
איך האָב שוין דעם גאַנצן חשבון געמאַכט:
איך ווייס ווער געשטיקט האָט
און ווער ס׳האָט געוואָרגן,
און ווער, שטאָט ליכט
האָט חושך געבראַכט.

זאָג איך נישט קיין קדיש
נאָר מײַן אָפּגעגנאַרטן גלויבן —
כ׳האָב אַלע טירן שוין צו אים פאַרמאַכט,
און אויב אַ יאָרצײַטליכט,
זאָל עס זײַן אַ שטראַלעכל פאַר יענע,
וואָס בלאָנדזשען אַלץ נאָך
מיט דעם גלויבן
פון מײַן נעכטיקער,
דער שיכּור־שווערער נאַכט.

אַן אַלטער חשבון

צוויי טויזנט יאָר ברענט אויף דיר קין׳ס צייכן.
דו — יעזויִט — ווילסט אים פאַרדעקן...
מײַן רוף פון באַרג סיני — לא תרצח!
ווילסטו פאַרמעקן...

איך בין לעבן געבליבן, אין אויג דיר — אַ דאָרן.
האָסט גענוג ביימער פון מײַן וואַלד אויסגעשניטן...
עקשנותדיק גליט מײַן צאָרן,
וואָס די שטראָף האָט דײַן פעל אויסגעמיטן...

1948

פון נײַעם וועג

די געפונענע מאַנוסקריפּטן
צעפליגלען מײַן געמיט.
כ׳היט ניט די ווײַזערס
וואָס ברענגען דעם באַגינען.
בין מער ניט אין געשפּאַן
ווי אַמאָל —
אַ פערד אין די שעפּער
בײַ די „זינגער״־מאַשינען.

פונעם בינטל לידער אַ צאָל
מיר ווײַט איז און פרעמד.
מיך וווּנדערט דער אַמאָל
די צענדליקער יאָרן צוריק
ווען אַ מידער כ׳האָב געשריבן.
אין אַ קעמערל פון זכּרון
בלויז אַ ליכטל איז געבליבן;
אין שפּעטע נאַכטיקע שעהען
אַ היים ס׳האָט מיך געטראָגן
אַ נאַסע פעל —
אויפן לײַב ס׳העמד.

אויף בויגנס די פאַרמעקטע שורות
פאַרשאָטענען ניט די געבליבענע,
די געפּײַלטע,
די געשליפענע
פאַרטונקלען ניט מײַן נאָמען,
ווײַל הערן כ׳טו אַ לויב
פון מער ווי אַ מנין...

מײַן האַרץ
שטאַרקער איז װי שטאָל
פֿון לײענען אין אַ געפֿונען ליד
די לעצטע
פֿאַרזשאַװערטע שורות...

װײַל כ׳בין הײַנט אַנדערש,
אַנדערש,
אַנדערש.

כ׳בין הײַנט אַן עושר
פֿון אַ נײַעם װעג.
ליב און טײַער
מיר איז דער אוצר —
די פֿרײַע שעהען,
און —
די טעג!

1985

אַ בוים אין שטורעם

אַ בוים האָב איך געהאָלפן פלאַנצן,
זיך געפרייט ווען ר׳האָט מאַייִק געבליט,
אויפן בוים זאָלן וואַקסן עפל, באַרן,
און מאַראַנצן,
און פון אַ בייז אויג זאָל ער ווערן באַהיט.

עפל און מאַראַנצן אויפן זעלבן בוים?
נאָר אַ קינד וועט עס זאָגן.
פאַרוואָס זשע האָט מײַן געפאַנצערטער טרוים
אויף יעדן וואָלקן זיך געטראָגן?

די צונג דאַרף ניט קיין פאַספּאָרט,
זי נייטיקט זיך ניט אין קיין זייגער.
פאַרוואָס האָבן מיר פאַרהייליקט ס׳אָרט
וווּ ס׳האָט געבליט יענער פגר?

דער שטורעם איז געקומען
און דעם בוים פון דר׳ערד אַרויסגעריסן:
— פאַרשאָלטן זאָל ווערן זײַן שלאַנגישער נאָמען
וואָס האָט מיליאָנען לעבנס צעריסן...

1965

פערציק יאָר...

פון גרינעם טיש ביסטו קיינמאָל ניט אַוועק:
טיפער פאַרזינקסטו ס'לויטערע גלויבן.
פאַרוואָס צעשמירסטו דעם שוואַרצן פלעק
אויפן שימלדיקן פאַרהאַנג פאַרהויבן?

פאַרוואָס איז דײַן וואָרט דער זויער־ריח פון אַ פאַס
מיט זשאַווערדיקע רייפן אין פוילן?
ביסט באַשטראָפט מיט אַ ווילדן משוגעת —
דײַנע עדות־פּראָצעסן גרוילן...

בײַ מיר האָסטו אויסגעשניטן די צונג
און פאָדערסט כ'זאָל דיך בענטשן און לויבן...
תּמיד איז דײַן קולאַק דיר גרינג
מײַן מוח צו פאַרטויבן...

פאַרוואָס ברענט דײַן צאָרן אויף מײַן שטאַם?
(ווער קאָן געננוי מיר זאָגן?)
די יאָרן וואָס כ'האָב געהיט דײַן פלאַם —
אייביק וועל איך באַקלאָגן...

פערציק יאָר ווינטערט די זון —
אויך די זון כאַפּט בײַ דיר אַ ציטער.
פאַרקלעמט איז די פאָן
אין דער לאַפּע פון דײַנע ריטער...

פאַרוואָס האָסטו דעם מאַי פאַרוואַנדלט אין פראָסט?
שווער איז צו באַנעמען.
פאַר יעדער טרער אין פולן כּוס
וועט געשיכטע זיך פאַרשעמען.

1967

דער פידל וויינט

מײַן האַרץ —
אַ וויינענדיקער פידל
אין אַ יאָמער־טאָל.
יעדער רגע פון דער שעה
ווערט באַצערטער וואָס אַ מאָל.

דער פידל וויינט,
ער שווימט אין טרערן פון אַזוי פיל אויגן:
פון הערצער און פון געמיטער —
דעם קאָפּ געבויגן.

און מיך קלעמען די ווײַטסטע ווײַטן.
אין חלום —
איך שפּאַן אינעם סטעפּ פאַרשנייטן.
איך גלי אַ וואַכער:
פאַרוואָס איז בערגעלסאָן
געווען געשמידט אין קייטן?
מאַרקישעס ליפּן
מיט אַ שלאָס פאַרשמידט?
פעפערס שטראָף
פאַר —
„איך בין אַ ייִד?"...
איז הפקר דאָרט געוואָרן מײַן פאָלק?

נאָר איך אין טרויער געזונקען
בין אָן אַ חשבון,
אָן אַ טאָלק.

מייַן תּפילה

איך בעט, און פון בעטן
כ׳זאָל נאָר מיד ניט ווערן:
ווייַל מייַן קול, דאָס שטילע,
שווימט אין טרערן.

בלינד כ׳האָב געגלייבט
די פאַרדאַרבער וואָס צעשטערן.
מייַן גריזשענדיקע חרטה
די הימלען זאָלן הערן.

פון מייַן שטאָם וויל דער תּליון
אַש זאָל ווערן.
אַלץ וואָס מיט גיפט איז פאַרשריבן
אויף אַ שטיין קאָן הערן...

די תּפילה פון מייַן האַרץ
מיט גלי פון טרערן.
אויף פליגל צום בורא —
מייַן טרוים זאָל הערן:

וויפל דאַנק מיר נאָך באַשערט
מייַן ניגון ניט פאַרצערן
איך זאָל רו כאָטש געפינען
ווען פאַרשטומט איך וועל ווערן.

ניט בלײַבן אַליין

איך וואַרט אויף אַ זוניקן בלענד,
אויף ווינטנדיקע ליפּן וואָס באַגלייטן שיפּן.
איך וואַרט אויף די קאַמען
וואָס פון שטראַלן געשליפן
און מײַד נישט אויס די כוואַליעס
וואָס שוימען צעקעמט.

איך וואַרט אויפן גלי פּאַר די אויגן
צום שוועל ער זאָל קומען ניט שפּעט.
דעם ווײַטסטן וואָלקן כ׳וויל
זען מיט זון אָנגעזויגן,
און אים הערן דערציילן דעם גורל
פון ערדישן פּלאַנעט.

איך וואַרט אויפן טאָג
פאַרלאָשן ער זאָל ניט ווערן
פון אַסטראָנאַוטן וואָס אויף דער לבנה גייען.
איך וואַרט אויף אַ הימל
וואָס זאָל שוימען ווי אין אויגן טרערן,
כּדי גאָט זאָל ניט בלײַבן אַליין...

1987

זכּרון

ניט ווײַט פֿון מײַן היים האָבן זײַ די ביימער פֿאַרשניטן.
איך בין גרייט צו שווערן: עס ציטערן נאָך זייערע שטאַמען.
הײַנט האָב איך יענע גאַס געמיטן —
די זאָל מיך ניט אין קברים דערמאָנען.

זייער שאָטן פֿלעגט די זקנים באַשיצן,
בעת די זון האָט די גאַס צעבערענט.
די שטיינבאַנק, וווּ זיי פֿלעגן תּמיד זיצן,
האָט די דלאָט און די האַק פֿאַרשעמט.

זון און ווינטן האָבן פֿון די ביימער די הויט געשיילט:
באַנדאַזשן וואָלטן פֿאַרלענגערט זייערע יאָרן.
דער צעפּלאַצטער אַספֿאַלט דאָרט דערציילט —
שטיינדלער האָבן אויך אַמאָל זכּרון.

גאָלדענע פּעדעם

שטראָמען זונשטראַלן,
גאָלדענע פּעדעם
ווי פון הימל פאַלן.

פּעדעם פון באַוול, וואַטע און זייד,
מיט נאָדל ווי אַ פידל —
דעם גוף באַקליידט.

יעדעס ברעקעלע פון געביין
אַן פּעדעם, וואָלט געווען —
נאַקעט, עלנט ווי אַ שטיין.

וואָלקנס מיט אַ ליכטיק פּנים
אויפן ימיקן הימל
צווישן פּעדעם שווימען.

די לבנה אין אַ רינג פון שטערן
פון די זילבערנע פּעדעם —
שפּיגעלער ווערן.

...ווי אַ פּאַרמער אַקערט און זייט,
יאָרן כ׳האָב קליידער גענייט,
מיט פּעדעם פאַר לידער פון האַרץ באַגלייט — — — —

1986

דער גלי פון אַ קנויט

וועמען וואָלטן אוצרות געווען באַשערט ?
אָן דער ברכה פון מאַמע־ערד ?

בײַם ליגן גאָלד אויף אַ שאָל
און מעסטן מיט אַ שפּאַקטיוו־אויג
דאָס האַרץ פון אַ בריליאַנט,
ווער חשבונט
פון וואַנען סע שטאַמט ?

אויב טויערן פון גרענעצן
מאַנען פּעסער
מאַכט עס העון די ערד
קלענער אָדער גרעסער ?

נאָר אַ פולער קיכטיש
קאָן שטילן דעם הונגער,
און דער אָפענער קראַן
לעשן דעם דורשט.

דער גלי פון אַ קנויט,
אין אַ פינצטערן קאַמער
איז אַ פלאַמיקע זון.
און פּאַר אַ פאַרהונגערטן
דער טעם פון ברויט
וואָס קאָן זײַן געשמאַקער דערפון ?

ס׳טרעפּט

פֿאַר מײַן זון דניאל

ס׳טרעפּט: אין מינוטן איז גרינג דעם טאָג צו װעגן;
נישט זעלטן, כ׳שלעפּ דורך אַ טריבן טאָג.
נאָר ניט כּדאַי בײַ גאָט קיין שאלות צו פֿרעגן —
אַזאַ חשבון װעגט מען ניט אויף קיין װאָג.

איך פּרוּװ אַנטלויפֿן פֿונעם רעש, נאָענטן און װײַטן.
װען געפֿאַנגען כ׳בין אין זײַן פּלען, —
און געשמידט אין קייטן.

איך גאַר נאָך שטילקייט,
װי טרוקן פֿעלד נאָך רעגן־גאָס —
דעם זייגער־גאַנג נישט היטן, נישט מעסטן,
און פֿרעגן בײַ די זיידעס „פֿאַרװאָס
אונדזערע פֿייגל אַנטלויפֿן פֿון די נעסטן"...

1971

ניט דער איינציקער

בעת אויפֿן מײַיִקן הימל בליִען די שטערנקנאָספּן
בין איך גרייט זיך פֿאַרמעסטן מיט אָדלערישע פֿליגל,
אינעם מילעכוועג — מיט מײַן בליק פֿון נעסטן —
דאָרט זוכן גאָטס פֿײַערדיקע וויגל...

די לבנה איז תּמיד אַ געטרײַער שומר
פֿון הימלישע טויערן און טירן:
ישעיה ניט געווען איז דער אייציקער טרוימער
אַז מײַן פֿאָלק וועט קיין מלחמות ניט פֿירן...

1967

אויפֿן שמאָלן וועג

שיטערער, שיטערער ווערט דער וואַלד.
די ביימער אַלטע ציילן די טעג,
מיר ווערט קאַלט — ווינטערדיק קאַלט —
מײַן שאָטן פֿרירט אויפֿן שמאָלן וועג.

געמײַיִקט האָט אַמאָל אויך דער ווינטער;
געלויכטן האָט דאָס פֿעלד מיט בלאַנק פֿון אַקער.
די ביימער — מיט אַ ברעקל געזינטער,
דערמאָנען וויפֿל עס זענען אַוועק אין פֿלאַקער...

וועט בלײַבן אַ סימן פֿון נעסטן אין וואַלד
ווו ס'פּעלט דער שפּראָץ פֿון יונגע ביימער,
פֿון אַ וואַרעם האַרץ דער טרויער שאַלט:
ווער דאַרף דאָס מאָכיקע שטיינער?

אין קלעם

מיט טיפֿן פּײַן און צער
מײַן נשמה
איך וועג און מעסט,
אויף דעם פֿאַרמשפּטן גורל
פֿון די ליכטיקע ספֿרים.

שטראַלן און שטערן מיר ליב זענען און טײַער,
נאָר מײַן האַרץ איז אין קלעם:
דער נײַער דור
קיין ברעקל ירושה וועט ניט היטן,
שלײַדערן ער וועט ביכער אין מיסט —
פֿאַראַשן זיי אין פֿײַער.

1984

אויב

וואָס עס פֿאַרמאָגט ניט דעם שימער־קאָליר
און דעם טויזיקן גלי,
איז ווי אַ פֿאַראָבלט פּנים
ביַי יאָרציַיט־ליכט.

דעם פֿאַרשריבענעם בויגן
דאַרפֿסטו מעקן אָן אַ שיעור,
וועלן נײַע ווערטער אינעם ליד קומען,
ווי צעלויכטענע בלומען.

אויב ביסט באַלאָדן מיט באַגער
און עקשנותדיק פֿאַרביסן,
איז פֿלינקער ווי די שער
דאָס, וואָס די פֿינגער צעגליטע
האָבן אַליין צעריסן.

1968

בײַם קלאָרן זינען

כ׳מײַד אויס די אַפּיסטורעמס ביז די װאָלקן־הײכן:
ניו־יאָרקער גולמס, אָן פּענצטער, אָן שויבן.
די בויערישע זשעדנעקײטן, גרויסע רווחים גרײכן —
פון דער אַרכיטעקטור האָט דעם מאָרך אויסגעזויגן.

אין די טורעמס זעט מען ניט דעם בײַט פון סעזאָנען.
אַפילו ס׳אָטעמען אין מאָטאָרן איז געװענדט:
פּאַרװאָס זאָל דער שפּיגל פון זוניקן פּנים
אין מאָדערנעם שטײַג — פאַרן מענטש — זײַן פרעמד?

די בלינדע טורעמס פאַרמיאוסן גאַסן און סקווערן,
איך אַנטלויף פון קברים מיט נעאָן־ליכטשטראָמען.
בײַ געבויטע נאַרעס פאַר די געפאַנגענע בערן
איז מיר אָפּטמאָל לײַכטער אַ נײַגעריקער צו שפּאַנען.

אין די אַפּיסטורעמס — פּירקאַנטיקע קאַסטנס פון ציגל און שטאָל
פאַר אַ טראָפּן זונגאָלד האָט מען קײן אָרט ניט געפונען.
אויב אויף יענע דעכער װעלן דונערס לאַכן אַמאָל
װעל איך װיסן: נאָר די שטורעמס זענען בײַם קלאָרן זינען...

1975

כ׳וועל דיר שרײַבן אַ ליד

קינד מײַנס —
כ׳וועל דיר שרײַבן אַ ליד
וועגן מײַנע פלינקע פינגער
בײַ אַ באַרימטער מאַשין
וואָס רופט זיך — „זינגער״;
אַ רימען אויפן רעדל
אין אַ מאָטאָר אַ צעגליטן,
פון טראַכאָמע לעמפלער
וואָס האָבן די אויגן געשניטן.
פון סעזאָנען — פלאָגן פון „סלעק״ —
אויף פלייצעס ווי גרויע, צעלעכערטע זעק.

יאָרן און יאָרן קאַשמאַרן אונטער שטויבן,
וואָס האָט אין די שעפער געקאָנט דען דערהייבן?
כ׳האָב געוואַרט אויף אַ טאָג דאָרט,
אויף אַ לויטערן מאָרגן —
ווי מיט אַ חלף צווישן ציינער
ביז טיף אין געביין.

פון שאַפּזייגער דער ווײַזער —
אַ נאַקעטע שווערד,
און ווער האָט מײַן ניגון
אין רויש דאָרט דערהערט?

כ׳וועל דיר לייענען אַ ליד
וואָס האָט נאָך ניט קיין נאָמען.
פון די טיפסטע טיפענישן.
צו מײַנע ליפּן ס׳איז דערקומען:

פון אותיות — זילבן;
פון זילבן — ווערטער;
פון ווערטער — שורות.
אויף פּאַפּיר אַ בויגן —
ברודערלעך און היימיש,
שורה ביי שורה
פאַרהייליקט איז אין שמות — — — —

כ'וועל דיר לייענען אַ ליד —
אָן רייד, אָן ווערטער,
פון אַ קינדערשן שמייכל
וואָס האָט דאָרטן פאַרבליט,
אַ ליד —
אין הער שפּראַך
פון הערוועקטע טויבן —
אַ ליד אָן אַ נאָמען —
אַ ליד
פון אַ **חורבה** מיט בלינדע שויבן.

1981

הונגער

אַלע זענען שוין אַוועק.
די צוויי וואָס זענען דאָ געבליבן,
האָבן זיך געטוליעט ווי צוויי סנאָפּעס אין פעלד.
די לעצטע קערנדלעך בײַ זייערע פיס האָט די טויב אויפגעקליבן
און אויף דער מיידלס קני מיושבדיק זיך געשטעלט.

האָט די טויב דאָ פאַרשטאַנען דעם בחורס פּלאַטער,
וואָס האָט געבריט די פינגער פון זײַנע הענט?
כ'ווייס ניט צי די טויב איז אַוועק שלאָפן זאַטער,
נאָר בײַם בחור — האָט אַ בענקשאַפט געברענט...

1963

■

ווּ ביסטו געווען ביז איצט ?
וואָס ענטפערן זאָל איך די וויזערס וואָס פרעגן ? —
ווען פאַר די אויגן אַ פּנים זיך קלאָרט,
קלאָר ווערן אויך די טונקעלע וועגן.

פון פרייד ווערן זיס אויך די טרערן
און צעוועקן אין האַרץ אַ באַגינען,
עס ווערט נאָענט דער ווײַטסטער שטערן —
ווּ ביסטו געווען ביז איצט ?
דו —
און דײַן ליכטיק פּנים ?

1979

■

פון הערן אין די נעכט אירע רייד,
אין די שעהען מיט זיך אַליין,
איז שווער מיר
פון דער נאַקעטקייט זיך שיידן.
ווי אַ שאַרפע שווערד,
באַפרייט פון דער שייד,
מיט איר נאָענט —
מיילן ווייט —
שרעקט מיך די פיין
וואָס ליגט פאַרבאָרגן
און וועט מיין גורל
ניט
מיידן — — —

1985

צווישן יאָ און ניין

כ׳ווייס וואָס איר אַנטרינען באַטײַט,
בלײַב איך אין הויז אַ געשמידטער:
אויף מײַן צונג די פאַרזיגלטע רייד,
אַן אומרו־צוים צעגליטער.

אין טאָג ווען זי וועט קומען צוגיין
און פילאָזאָפיש נאָכאַמאָל זאָגן:
„— ווער עס קריגט נישט קיין וואַסער פון אַ שטיין
זאָל דעם שטיין צום ברונעם טראָגן.

אַ שטערן וואָס פאַרלאָזט די שטערנוועלט,
פאַריתומ׳ט די הימלשע פּלאַנעטן:
דער שטערנדיקער בלישטשק וואָס צעפאַלט
ווער וועט צו אַ סעודה אים פאַרבעטן?״
איין טענה די צווייטע פאַרשלינגט:
טענות קאָנען אויך אַ גיבור דערשלאָגן.
כ׳מעסט דעם חשבון — ער הינקט,
זאָל איך דעם סך־הכל באַקלאָגן?

צווישן יאָ און ניין שטאַרבט מײַן צווייפל,
שנעלער ווי אַ סעקונדע ווערט געבוירן:
כ׳האָב געפּרוווט דערגרונטן דעם שׂכל —
און שיר־ניט דעם קאָפּ פאַרלוירן...

1966

מיט טויִ אָנגעזויגן

צו — דז. ש.

כ׳האָב שוין געזאָגט
און איך חזר דאָס איבער:
דעם שווערסטן פּאַרק
צום שפּיץ פון באַרג
ניט שווער געווען צו טראָגן.
פון מײַלן ווײַט
איך הער קלאָר
וואָס דײַן האַרץ. טוט זאָגן:

שאָטנס ווערן אויך בלענדיק
און פון גראָזן דער שימער
ווערט מיט טוי אָנגעזויגן,
ניט נאָר זומער,
נאָר תּמיד
מיט מײַיִקע אויגן —
דײַן פּנים כ׳וועל זען שטענדיק.

1984

ניו־יאָרק ביי נאַכט

א

ניו־יאָרק.
די נאַכט
האָט די ווײַעס אויפגעהויבן
און די טורעם־אויגן אויפגעמאַכט.
מיליאָנען צעצונדענע שויבן,
ווי מיט זונס באַניַיטן פיַיער —
דעם נאַכטיקן לעבן צושטייער.

דאַכט מיר:
ניו־יאָרק ווערט יעדער נאַכט יינגער.
מיַינע טומלדיקע טעג יאָגן און קווילן —
וועט אַמאָל געבוירן ווערן אַ באַזינגער
וועגן אינדזל מאַנהעטן אַלץ אונדז דערציילן?

די ריזנשטאָט — אַ ניט־פאַרענדיקט ווערק,
וואָס יעדער דור גיט זיַין חלק צושטיַיער:
אָט ווי פּלוצעם וואַקסט אויס אַ מויער אויף אַ באַרג
און צעשפּיגלט דעם האָדסאָן מיט נאַכטפיַיער.

שיפן גליטשן זיך אויף רוקנס פון זיַינע טונעלן,
די מאַסטן צעצוויַיגטע ווי ביַים ווינט עפּעס בעטן:
ניט איין מאָל ביַים ברעג כ'האָב געפּרוווט ציילן די ליכטסיגנאַלן,
בעת די כוואַליעס האָבן זיך געיאָגט ווי אין געוועטן...

ב

אין די שעפּער־גאַסן נאָך וואָרעם די מאַטאָרן,
דאָרט וואַנדערט נאָך מיַין מידער שאָטן צעצויגן:

מיט דעם שטאַרבנדיקן ניגון פון מאַשינען־כאָרן
וואָס וועט באַלד ווערן אַ מעשה ניט־געשטויגן...

מ׳טרעפט מיך דאָרט שפּאַנען ווי אין לויער,
ווי כ׳וואָלט געזוכט אַן ענטפער אַ קלאָרן
ביַי דעם נאַכט־בלינדן, אַלטן מויער
אויף מיַינע פאַרשווונדענע צענדליקער יאָרן.

ג

דעם עמפּייער־קופּאָל —
צום הימל אַ צעלויכטענער פינגער;
דער גיגאַנט פון שטיין און פון שטאָל
צעשיקט פּראָזשעקטאָרס — פיַיערצינגער.

טיימס־סקווער — ראַשיקער שטראָם,
ווי אין ים די זון צעשווימען.
די רעקלאַמעס: אַ פיַיער־פּאָן
אויף ווענט גליִען אויס זיך אַ נאָמען...

אַ וואַסערפאַל פּאַלדעוועט זיך אויף אַ וואַנט,
אַ „רעגנבויגן" האָט די וואַנט צעשפּאָלטן.
אַ פלאַש רויטער וויַין אין אַ דאַמעס האַנט —
זי פּרוּווט די פלאַש אין שטראָם באַהאַלטן.

אַ זייגער גליטשט זיך אויף אַן אַנגעצויגענעם שטריק,
די וויַיזערס שפּריַיטן אַלקאָלירקע זונענשטראַלן,
זיי שיַינען אין אַ קופּל אויף אַ צעוויגטער בריק
וואָס איַילט זיך אין אַ פעסל ביר אַריַינצופאַלן.

פֿײַערדיקע אותיות — נײַעס פֿון דער וועלט —
אויף אַ לויפֿנדיקן גאַרטל, אַרום די טורעם־ווענט,
די נײַסטע סענסאַציע די גאַסן צעהעלט: —
אַ האָליוווּד־שטערן קריגט אַ גט:
אין וויעטנאַם — ס׳גאַנצע לאַנד ברענט!

בײַנאַכט ווערט דער אינדזל מאַנהעטן אַ כּישוף־באַרג
ווו ס׳פֿאַרבלאָנדזשעט, אויף אַ רפֿואה, אַ שטערן.
דאַכט זיך: מויערן קריכן אויף טורעמס קאַרק
ווי פֿון היילן אַרויס דערוואַכטע בערן.

אינדזל מאַנהעטן — אין סודות־פֿאַלדן, —
ליגט באַהאַלטן אין טויזנטער געשטאַלטן.
די פֿרײַהייט־סטאַטוע האָט שוין ווידער געמאָלדן:
אין ניו־יאָרק בײַנאַכט טוט די געטלעכקייט זיך באַהאַלטן.

מיט ריטמישן קלאַנג

כ׳בין מער ניט קיין קנעכט,
ווו יאָרן־לאַנג אין די שעפּער געשפּאַנט
אינעם אַקער:
אַ באַפרײַטער פונעם צאַם
כ׳גלי ביַים פאַרזייען
לידער פון מיַין האָרץ
אין פלאַטער.

מיט שווייס און מיט מי
גראַמען און ווערטער כ׳שליַיף.
די קלאָרקייט אויף מאַמע־לשון
וואַכע אויערן זאָלן הערן:
אויב ס׳גרילצט דער ניגון פונעם גורל
גליִען די טרערן...

כ׳היט ניט די וויַיזערס
אין שעהען זייער שווימען
צום טויער פון באַגינען.
בילדער אויף בויגנס כ׳טו מאָלן
מיט ריטמישן קלאַנג
שוין יאָרן —
נעסטעט אין מיַין זכרון.
אַ נײַ געזאַנג.

1966

■ •

פון די שטילסטע רייד,
אין די שעהען מיט זיך אַליין,
שווער איז מיר
פון דער נאַקעטקייט זיך שיידן:
ווי אַ שווערד
באַפרײַט
פון
דער
שייד
שרעקט מיך: —
וואָס עס ליגט פאַרבאָרגן
און
וועט
עס
נישט
מײַדן...

1985

שטעגן און ליכט

■

כ׳בין געבענטשט,
טויזנט מאָל געבענטשט:
מײַן היים איז דאָ
ניט מיט פּחד — **דאָרט**,
אין אַ פֿאַנצערהעמד
צווישן שטיינער פֿאַרקלעמט
אין תּפֿיסה,
ווי כ׳וואָלט באַגאַנגען אַ מאָרד
פֿאַר מאָנען אין ליד —
אַ ליכטיק וואָרט.

1981

מיט זוניקייט צעבליט

אויפֿן שטערן־הימל
אַ גן־עדן־דאַר,
די בראשית־כּלה,
וואָס געפינקלט האָט
אין נאַדירס און מאַנגערס
לידער־שפּראַך...

וואָלקן־קאַרבן
זילבערדיק באַמאָלן,
גלײַך ווי פּישופדיקע בערג און טאָלן,
געבוירן ווערן דאָרט.
די לבֿנה פֿאַרשווינדט
און אויף אַ שטערנבריק
זי קומט צוריק:
איר אויסגעבלייכט פּנים
פֿון קלעטערן און שווימען
איז אָפּגעשוואַכט און מיד.
אַ פֿאַרבענקטע, זי זוכט
דעם שפּראָץ פֿון באַגינען, —
מיט זוניקייט צעבליט.

ליבשאַפּט

דער ים איז טיף,
ברייט און לאַנג,
אויף כוואַליקע רוקנס
טראָגט זיך זײַן צאָרן.
כ׳פּרוּוו פֿאַריאָגן דעם געדאַנק,
אַז
דער ים איז קראַנק
און האָט אויפֿן דנאָ
די ליבשאַפֿט פֿאַרלאָרן.

ליבשאַפֿט —
פֿון אַלע מאָסן גרעסער זי
און פֿון אַ האַרץ
אַן שלעסער.

און טאַלאַנט, — די ברכה פֿון גאָט —
דורך שווייס און מי
קריגט פֿליגל.
דער געבענטשטער,
אָן אַ סימן פֿון געבאָט
באַגילדט די שויב
און מאַכט פֿון איר
אַ װוּנדער־שפּיגל.

איך זוך

אין אַ תּפֿילה, ווי אונטער אַ טלית,
כ׳וועל זיך פֿאַרהילן:
געפֿינען דעם ניגון
מײַן אומרו צו שטילן.
כ׳וועל שפּאָרן פֿאַרבאָרגענע זאַכן
פֿון דעם וואָס געווען איז אַמאָל
און אפשר געפֿינען דעם באַרג,
דאָרט ווו עס טיפּט זיך אַ טאָל...
כ׳זוך אין דעם כּוח פֿון ליד
דאָס וואָס כ׳האָב נאָך נישט געשריבן —
דעם פֿונק, וואָס אין האַרץ בײַ מיר גליט,
איידער עס ווערט דאָרט צעריבן.

1983

■

אויפֿן וואָרט־יאַריד
די געבענטשטע געבליבן
זייער סטרונע מיט דער פּען
באַפֿליגלען אַ ניגון,
וואַרטן ניט אויף אַ מנין,
רק דעם אוצר פֿון אַלף־בית
מיט ליבשאַפֿט פֿאַרוויגן.

פון זיך ניט אַנטלויפן

אַז כ׳קום אַמאָל אויפן וואָרט־יאַריד, שטעל איך אָפּ זיך ביים וואָגן,
ווו ס׳גלאָצט מיט ד׳אויגן אַ געבונדן קעלבל.
צום בעל־עגלה איך פּרוּוו עפּעס זאָגן —
לויפט ער מיט דער בייטש פאַרמאַכן ס׳„געוועלבל״...

נאָר איך געקומען בין אַהער מיט קיינעם ניט צו האַנדלען —
איך זוך ניט אויף ירידים מציאות צו קויפן.
מיין ליד איז ניט וועגן „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען״
און פון זיך כ׳וועל קיינמאָל ניט אַנטלויפן...

1965

אַ ליד וועגן לידער

א.

ניט אַלע לידער מיט גראַמען
צי אָן גראַם,
פאַרמאָגן אַ זאַפטיקן טעם,
אַפילו פון באַקרוינטע דיכטער.
לידער אָן פונקען —
סטרונעס אָן אַ פלאַם,
גליִען ניט דעם טינטער
שטילן ניט מײַן דורשט,
וויפל איך זאָל ניט טרינקען
בלײַב איך —
ניכטער.

אמת:
ניט יעדער כּוס מוז זײַן פול,
קוויקן זאָל דער לעצטער טראָפּן.
אויך אין הימל מיט שטערן אָן אַ צאָל,
די לבנהס אויגן ניט תּמיד אָפן;
אויך ניט יעדעס קערנדל וואָס מ׳פאַרזייט
איז זוכה צו וואַקסן און בליִען.
שורות — אַפילו מיט פליגל באַקליידט —
ניט תּמיד זענען געבענטשט זיי צו פליִען.

ב.

צו אַ געשליפן ליד
פון אַ דיכטער אויסגעשמידט
איך בין גרייט זיך פאַרנייגן
מיט ליכט אין די אויגן:

בילדער און אימאַזשן

אָן אַ סימן פון אַ שאָטן,
אַ האַרציקער ניגון —
זוניקן די נאָטן.

אַ רעגן אויף שויבן
די פענצטער וואַשן;
פון דאַך אַנטלויפן די טויבן —
מיט פליגלדיקע רעשן.

ס׳פאַרטראָגט מיך צום בוים
ווו ווינטל קושט בלעטער פון צווייַגן
באַהאָנגען מיט גלעקלער,
רייַפע, זאַפטיקע קאַרשן,
ווי פייגן.

וואָלקנס רייַטן אויף וואָלקנס
איבער פעלדער מיט סטויגן
ווו דער הימל אָן זון
האָט געבוירן אַ רעגנבויגן.

אַ ליד פון מעוועס באַגלייט אַ שיף
וואָס אַנטלויפט פון כוואַליעס:
דער ווינט דאַרט, באַהאַלט דעם אָטעם בייַם מאַסט.
אויף פליגל, אַ באַזונטער טלית...

נענטער ווערן די זוניקע פערזן,
די בערג מיט סטעזשקעס צו טאָלן;
אויף וואָלקנס — די פליגל פון ווינטמילן —
אויך שטיינער צעמאָלן.

1986

ווער וועט וויסן?

פון די זאַפּטיקע נעסטן אויף די ביימער
ציטערן די שאָטנס פון די שטאַמען.
אין סאָד איך גיי אַרום ווי אַ שומר —
די וועגן פאַר מיר און צאַמען.

און עפּל אויב אַמאָל כ'וועל געפינען
וואָס מיט זאַפט איז פון חוה'ס ביסן,
וועל אין טרוים איך אויף אַ וואָלקן שווימען —
בלויז גאָט פון מיין געביין וועט וויסן.

1975

ווײַט פֿון שטויב

אויף פֿאַרמעט די תּפֿילות,
דאָס מאָנען און דאָס בעטן;
אַז די נשמה פֿאַרמאָגט גלויבן
טוט זי מער ווי דעם הונגער זעטן.

די מאָס און די וואָג,
דאָס וועגן און דאָס מעסטן,
באַשערט דיר דעם פֿאַרמאָג —
די זיבערע נעסטן.

און ווער עס טוט גלויבן
אין דעם הײַנט און אין דעם מאָרגן,
דעם איז תּמיד באַשערט
צו זײַן ווײַט פֿון שטויבן...

1964

אַ סך גרינגער

כ׳בין פאַרליבט אין די זוניקע ווערטער,
מיט זיי ס׳לעבן איז אַ סך גרינגער.
די ריַיפע קערנער פון גערטנער —
אַ ניגון פון דור־דורותדיקע זינגער.

קלאָרקייט טעמט תמיד מיַין גומען
ווי פון בוים אַ זאַפטיקער עפל:
די ירושה וואָס פון וויגל גענומען —
פרעמד איז מיר דער טעם פון צאַפל.

געטראָפן כ׳האָב לויטערע קוואַלן
פון מאַמע־לשון גדולה׳ס פליסן:
צו מאַני לייבן — זיַינע ליכטיקע שטראַלן
און צו לייוויקס ברויז פון געוויסן.

1975

כ׳ווייס שוין פון לאַנג

שוין יאָרן ניט פרעמד מיר זײַן נאָמען.
און הײַנט, אין דער שפּעטער שעה בײַנאַכט,
האָט נאָענט צו מײַן הויז
זײַן פידל זיך צעוויינט.
בײַם אָפענעם פענצטער
ער שטייט ווי פאַרשטיינט,
און איך ווייס:
זי וועט צו אים שוין ניט קומען.

ביידע כ׳האָב יאָרן געקענט.
ס׳איז אַ מעשׂה פון לאַנג, לאַנג,
ווי זי וויל אים אויסמײַדן.
נאָר שולדיק איז ער,
איך קאָן זײַן געדאַנק:
„דער פידל איז מײַן גן־עדן״...

1987

אַן טיר־און־טויער

צו — ב. ק.

דעם שווערסטן פּאַק
צום שפּיץ פונעם באַרג
ניט שווער מיר צו טראָגן,
אויב אויף מײַלן ווײַט
איר וואַרעם האַרץ,
ווי מײַן האַרץ טוט שלאָגן.

זי טויכט אויף פּאַר מײַנע אויגן
ווי שטראַלן וואָס קומען.
און איך — טרינק די קאָלירן
פונעם רעגן־בויגן.
מיט שפּאַנען אויף גראָזן
מיט טוי אָנגעזויגן.
דער ברייטער וועג,
אַן טיר־און־טויער.
מיט איר —
אַ שעה פונעם טאָג —
אַן אייביקער דויער...

1981

וואָס געגליט האָט אין האַרץ

די ווערטער וואָס האָבן
אין מײַן האַרץ געגליט
און האָבן ניט דורכגעלאָזט
דעם פלאַם אײנעם ליד,
ווי ס׳האָבן שאָטנס
אויף שורות זיך באַוויזן —
געוואָרן איז פונעם בויגן פּאַפּיר
אין מײַן האַנט — אַ שטיין
וואָס לאָזט רינגען אין אַ טײַך,
אָן סימנים פון פאַרגיין.

1966

איך בין מקנא

אין פרילינגדיקן פעלד בלאַנקט דער אַקער,
צעוועקט די ערד פונם ווינטער־שלאָף.
די זון פּרוּווט אויס איר ערשטן פלאַקער —
פון ערדס טראַכט ענטפערט ס׳גרעזעלע איר רוף.

פליסיק גאָלד צוואָגט די ביימער,
וואָלקנס, ווי שניי־בערג, שײַערן דעם הימל.
איך בין מקנא די מאָכיקע שטיינער
וואָס פאַרלירן דעם ווינטערדיקן שימל...

1966

זאַנגען

נאָענט פון מײַן הויז,
פונעם יונגן קאַשטאַנבוים — אַ ריז
מיט צעוויגטע צווײַגן
אין צעלויכטענע בלעטער;
דער פייגלכאָר שוין שעהען
האַלט מיך געפאַנגען;
פון הערן דאָס קול
געוואָרן בין איך זאַטער
ווי אַ פולער שײַער
מיט רײַפע זאַנגען.

1984

פאַראַן אַזאַ וואָרט

פאַראַן אַזאַ אָרט
וואָס ליכטיקט ווי שטערן.
ס'איז געבענטשט מיט אַ וואָרט
וואָס קאָן וווּנדן היילן.
פון אַלע מאַרטירערס —
זייער בלוט און די טרערן
אין אַ וואַרעם האַרץ דאָס וואָרט
האָט וואָס צו דערציילן.

אויף ליפּן דאָס וואָרט געבענטשט איז —
טעמיקער ווײַן,
און ווער ס'איז געבענטשט צו פאַרשטיין
קאָן אַפילו דעם מדבר־דורשט שטילן;

רעגנבויגן אין די דונער־קנאַלן
פון די אייבערשטע טויערן דער שויס,
דאָס וואָרט אין גאָלדיקע שטראַלן
ווי פון גן־עדן עס קומט אַרויס.

און ווו פאַראַן איז דאָס זוניקע אָרט?
אַוודאי אין צעליכטיקטן אויבן,
ווײַל אינזן איז דאָס וואָרט —
גלויבן.

1986

אַ גרוס פון אַ נייַער שטאָט

ס'איז ניט מייַן טבע: דעם אמת אַ וואָרף טאָן ווי אַ מעסער!
דער בלאַנק זאָל אַ שנייַד־טאָן אין די אויגן:
— אויב אויף ליפּן זאָלן זשאַווערן שלעסער
וועלן אויך דעמבעס ליגן אויסגעצויגן...

דער מענטש ווערט יעדן טאָג נייַגעבוירן:
נישט תּמיד איז אַן עדות דער שפּיגל.
אַ שטורעם וואָס וועט לאַנג דויערן,
וועט צעברעכן דער טויבס פליגל...

אַ פויסט קאָן קיין שטורעם נישט פאַרהאַלטן:
פון אַ פונק האָט די וועלט שוין געברענט.
נאָר אַ נס וואָס זאָל דעם ים שפּאַלטן
איז ביז איצט געבליבן מיר פרעמד...

אַ געשאָסענע קויל זאָגט דאָס לעצטע וואָרט.
די זעלבע קויל קאָן צוויי מאָל נישט שיסן.
פון אַ ליד דאָס שטילסטע וואָרט
פון דער וועלט מאָנט — געוויסן.

שפּאַנען פאַמעלער מיינט אויך זיך יאָגן —
אויב אַלע זייגערס ליגן אינעם טראָט:
— די טויב וואָס האָט אַ צווייַגעלע געטראָגן,
געבראַכט האָט אַ גרוס פון אַ נייַער שטאָט...

1966

אַ זוניק געשטאַלט

פון די אבות אבותינו
די גינגאָלד־ירושה
האָבן הונגעריקע הערצער
די אוצרות פאַרהיט:
אליהו הנביאס אויגן
פון מיליאָנען שטערן,
געהאָלפן האָבן טראָגן
דעם שווערן יאָך.
און ער — אַ וואַנדערער —
אַ טרייסט האָט געפונען.

פון די הימלען קלאָרע
שטראָמט זײַן גבורה,
געהייליקט יעדעס זאַמדעלע
וואָס פון אים איז באַטראָטן,
און מיט זוניקן גאָלד
די שפּורן באַשאָטן...

קומט זײַן נאָמען און צעהעלט
די יום־טובדיקע „סדר"־טישן,
און אַז דו עפנסט די טיר צו „שפוך"
און עס ציטערט דײַן יעדער אבר פאַר דער קלויסטער־וואַך
בלייבסטו דאָך אין דײַן זיכערקייט צעקוועלט.

היט ער דעם מן, אליהו,
וואָס פון הימל פאַלט פאַר זײַן פאָלק
און עס פראַלט אויף פאַר דײַנע אויגן
אַ זוניק געשטאַלט.

1978

כ'וועל שוין קיינמאָל

כ'וועל שוין קיינמאָל נישט זײַן אַליין.
אין אַלט־יונג־לאַנד האָב איך אים געפונען;
דער גוף פאַרברווינט — מיטן בליאַסק פון קופּערשײַן,
מיט זונגאָלד פעדעם דורכגענומען.

דעם גלות־שטויב כ'האָב אָפּגעוואַשן פון זײַנע גלידער,
כ'וועל אים נאָך באָדן און צוואָגן.
— זאָלן מיר מוחל זײַן זײַנע באַפרײַטע ברידער,
וואָס נאָר **אים** צו מײַן שוועל כ'האָב דערטראָגן.

כ'האָב אים הײַנט מיט מײַנע פרײַנד באַקאַנט,
זײַן ייִחוס זאָל דאָ יעדער וויסן.
ער איז געגאַנגען פון האַנט־צו־האַנט —
מיט פרייד דעם ליבן קרוב באַגריסן.

ער איז דער צוויטוויזנט יאַריקער עדות —
מיט יונגשאַפט צעבליט פונעם זעקס־טאָגיקן זיג.
די העלדישע סאַבראַס, מיטן גלויבן פון די זיידעס —
בויען דעם וועלט־חלום: אַ שלום־בריק!

תּפילהדיק האָבן געקלונגען די פּשוטע רייד
וואָס מײַן גאַסט האָט פון די געסט געהערט.
ער האָט געשוויגן — זײַן שווײַגן האָט יעדן אַ היים באַגלייט —
אים האָט גאָט קיין צונג ניט באַשערט...

בין איך מער ניט אַליין
איך בין געקומען צוריק מיט אַ גרינגער געמיט.
— בײַם כּותל האָב איך אים געפונען — אַט דעם הייליקן שטיין,
וואָס האָט מיר געשאַנקען אַט דאָס ליד.

ח״י טויבן

— צו ח״י ישראל

אַכצן שניייווײַסע טויבן האָבן „שלום״ געשריבן
איבערן דאַך מיט בלוי־ווײַסע פאָנען.
אויך די זעקס מיליאָן האָבן זיך דאָ פאַרקליבן —
כ׳האָב דערקענט מײַן שוועסטערס פּנים.

זי איז געקומען פון גאַז־אויוון מיטן מאַן און קינדער;
דעם יום־טוב ווילן זיי ניט פאַרפעלן.
פון אַכצן־יאָריקן וווּנדער —
געפּרוווט האָב איך זיי דערציילן.

מײַן שוועסטער האָט מיך ניט געלאָזט ענדיקן ס׳וואָרט,
די „פרײַע וועלט״ צו דערמאָנען:
— ברודער, דו ווייסט ווער ס׳איז שולדיק אין מאָרד?...
אויך גאָט איז געבליבן פאַרשעמט פון די פלאַמען!

איז גאָט געבליבן בלינד און טויב
ווען מיט אונדז האָבן די אויוונס זיך געוואָרגן?
נאָר מיר שטייען־אויף פון אַש און שטויב
און פרעגן: — וואָס וועט זײַן מאָרגן?

אַראָפּגענידערט האָבן די אַכצן שניייווײַסע טויבן,
זיי האָבן אירע רייד באַנומען:
צוויי טויזנט יאָריק גלויבן
האָט מײַן שוועסטער מיט זיך מיטגענומען.

1966

קריעה 1973

דער ים רײַסט קריעה פֿון די ברעגן.
די זון ווערט פֿאַרברענט אין דער שקיעה.
דער הימל איז חושך־מצרים.
די קוילן צעשאָסן זײַנע שטערן־אויגן.
אינעם באַרגריס ליגט די לבנה פֿאַרזיגלט.
טאַנקען גראָבן טרעף־קבֿרים פֿאַר די הרוגים.
די דונערן פֿאַרשלינגען די בליצן.
די טויט־מכשירים טרעפֿן אין ציל.

אין **דעם** יום־כּיפּור
איז דער זומער געשטאָרבן.
און אויב דער בורא
וועט דעם „קדיש" אויסקלאָגן —
וועט דער מלאך־המוות
זאָגן אָמן,
אָמן זאָגן.

ווער האָט צעפּראַלט פון גיהינום די טירן?

זענען די הימלען געווען פאַרשלאָסן,
פאַר די יום־כּיפּור־תּפילות?
די ריינע כּוונות וויל גאָט מער ניט הערן?
ווער האָט צעפּראַלט פון גיהינום די טירן?
מײַנע יסורים זענען שאַרפער פון אַלע מעסערס.
אַ וואָרט קאָן אַמאָל ווונדן היילן;
נאָר ווו געפינט מען די טרייסט
פאַר די יתומים
און פאַר די מאַמעס ביי אָפענע קברים?
מײַן ליבשאַפט ווייסט ניט פון קיין צאַמען.
אַ זאַמדעלע אין בלוט
גליט הייסער פון אַלע זונען.
אַ טראָפּן פון ים המלח
איז מיר אויך געווען זיס.
דער ניגון פון די ירושלים־בערג
קאָן זעטיקן אַלע אָרקעסטערס.
איך האָב ניט געזעטיקט מײַנע אויגן
פונעם הימל־בלאָ אין אילת.

יום־כּיפּור —
ווו איז געווען גאָט?

האָבן די סאַברעס דעם מדבר
אָנגענומען ביי די הערנער,
און דער טאָג האָט זיך צעהעלט.

דער לויטערסטער קוואַל

פאַראַן אַזאַ וואָרט, אַ צעזונטער שטערן,
כ׳וועל שוין קיינמאָל מיט דעם זיך ניט שיידן:
נישט פּאָר חברים גרייט בין צו שווערן,
מײַן דרך די שטרויכלונג פאַרמײַדן.

אויף מײַן גומען דער טעם פון ווײַן
מחיהדיק מײַן אומרו צו שטילן:
טיף עס רוט אין מײַן געביין
דאָס וואָרט מיט זוניקע געפילן.

דאָס וואָרט, דער לויטערער קוואַל,
פון די טיפסטע טיפענישן אַרויס:
צו מיר, אָן ענדלאָזער שטראַל,
ביי אַ צווייטן, אפשר אַ געגעץ בלויז...

דאָס וואָרט כ׳האָב געפונען אויף נײַע וועגן:
צעזוניקט עס האָט מײַנע אָפענע אויגן,
כ׳ווייס ניט פון אַ גרעסער פאַרמעגן;
פונעם געבענטשטן וואָרט —
גלויבן!

1986

ירושלים

ניין, **ירמיה**, גרויסער באַקלאָגער:
„די וועגן פון ציון טוען מער ניט טרויערן"
דאָס לאַנד איז מער ניט אין פּיין, אין קנעכטשאַפט.
כ'האָב געהערט ס'געזאַנג ביי די אָפענע טויערן.

אמת: „דער פייַנט האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט"
אמת: ער האָט אויסגעגאָסן ווי אַ פייער זיין גרימצאָרן
נאָר איך האָב שוין געטראָפן דאָס בליִענדיקע לאַנד
ווו אויך דער מדבר ווערט אין גרינקייט געבאָרן.

געבליבן זענען סימנים פון מיינע טריט
אויף די הרי־יהודה, געטובלטע אין בלוי,
אַ תפילה האָט אויף מיינע ליפן גערוט,
צו דיר אייביקע קרוינשטאָט — ירושלים.

פון דער מאַמעס לידער האָב איך דיין הייליקייט איינגעזויגן:
מאַמעס ניגונים קינדער דערפרייען.
ווי ס'וואָלט אויף איר גערוט די שכינה, איבערן טייטש־חומש געבויגן:
„אַלע מלאכים היטן ירושלים".

„מיינע זיידעס, די קנעכט, קנעטן דעם ליים,
משהס קול צעפראַלט מצרים:
אין מדבר, ביים שלאָגן דעם שטיין
לייכט דער עמוד־האש אויפן וועג קיין ירושלים".

מיין מאַמעס טרוים האָט דאָ אויפגעוואַכט פאַר מיינע אויגן:
אויף תנ"כישער ערד מיינע ווייזיעס אין גאַלאָפּ.
כ'האָב פאַר קיינעם זיך ניט געבויגן
איצט נייג איך פאַר דיר — ירושלים — מיין קאָפּ.

דער יאָרטוויזנטער וואַנדערשטעקן איז צעבראָכן:
די אויפגעשײַנטע פּאָן, צווישן פעלקער אַ יש.
קיין פלעק זאָל ניט פאַלן אויף דעם נצחון
וואָס אונדז איז געשען אין זעקס מעת־לעת.

דײַן רום ברענט און גליט דער וועלטס גומען —
וואָס האָבן זיי — די „פרײַנד" — דערוואַרט?
האָסט געראָפן דײַנע זין זענען זיי געקומען —
ווענען האָבן די גיבורים געוואַרט?
אין דײַנע שכנימס אויגן ביזטו אַ דאָרן, און
דײַן שלום־רוף צעברענט זייער צאָרן. —

האָט דער רוף אויפגעוואַכט אינעם סאַברישן בלוט:
דעם שונא באַצאָלט כפל־כפליים!
ווי אייביק ס'איז די זון ווערט זײַן די באַפרײַטע שטאָט —
די אייביקע ירושלים.

ניטאָ צו דײַן וואונדער קיין צווילינג,
ווי צום צעוועקטן מדבר בײַם אַקערן און זייען,
דײַן ווינטער איז אויך אַ פרילינג,
ווײַל אַלע וועג פירן צו דיר, ירושלים!

כ'האָב ניט געקושט דײַן ערד ווי דער רב, דער נאמן,
כ'בין שטיינגעבליבן פאַרלוירן און פאַרקלעמט.
ווי אויף אַלע אָרעמס די ציפּערן, די געטאָ־נעמען,
האָט שוין ניט איינמאָל מײַנע אויגן געברענט.

זײַן פיבערישער צאַפּל האָט מיך דורכגעגליט:
כ'האָב געפּרוווט זײַנע טרערן דעריאָגן.
— אוי, גאָט, ווי טיף איז דער שניט!
וואָס זײַנע רייד, ווי די שטאָט, ר'קאָן דערזאָגן.

אויפסנײַ געבוירן

יעדן זעמעדעלע פון דער הייליקער ערד,
אַפילו דעם דאָרן
איז גבורה באַשערט,
עס גאָלדיקט דער מדבר־שטויב מײַן פנים —
פון יעדער גאַס און שטאָט איז מיר היימיש דער נאָמען.
ווײַל חדר־יאָרן זענען שליסלען צו די היילן
פון מײַן זכרון.

בײַם כותל מערבי,
ווו דער סאַברע־חיל האָט געלייגט תפילין
האָבן אויפגעטויכט אין מיר פסוקים פון תהילים,
פרשיות פון חומש
פערל פון נביאישע רייד
פול מיט חכמה פון וועלט־באַשייד.

מאַמעלע! —
ווו זענען מײַנע יאָרן
וואָס איך האָב פאַרלוירן?
אָט־אָ־דאָ, בײַ דער אייביקער וואַנט,
אינעם גאָלדיקן באַגינען
האָב איך דוכט זיך אַ תיקון געפונען.
ווײַל דאָ גליִען די טרערן פון דײַנע אויגן
וואָס האָבן די טאָוולען פון דײַן טײַטש־חומש
אויסגעבויגן —
יעקבס חלום: מלאכים אויפן לייטער,
עקדת יצחק —
אברהם איז גרייט אויסצופירן גאָטס פאַרלאַנג.
מיטן באַלאָדן אייזל אין שטויביקן גאַנג.

נאָר יצחקן זענען פֿרעמד די וועגן,
טוט ער בײַם פֿאָטער פֿרעגן: —
דאָס האָלץ איז גרייט,
דאָס אָרט איז דאָ;
דאָס מעסער בלאַנקט —
ווּ איז דער לאַם?
פֿון הימלשן קול איז ליכטיקער געוואָרן:
אַ שעפּס האָט אין קוסט
פֿאַרפּלאָנטערט אַ האָרן
און זיך דערלאַנגט
צו אברהמס אויסגעשטרעקטער האַנט.

די מוטער שׂרה, בײַם ליימענעם געצעלט,
האָט געוואַרט,
נאָר דער שׂטן האָט איר אָפּגענאַרט...

בײַם טײַטש־חומש מײַן מאַמעס טרערן:
אוי, גאָט האָט דערהערט שׂרהס געבעט —
אונטער די בלויע הימלען
האָבן אויפֿגעלעבט דערפֿער, שטעט.

נצח ישׂראל,
גורל־פֿאָלק,
קליין־גרויס לענדעלע —
דאָס בלינדע אויג פֿון דער וועלט.

זענען גבֿורהדיק פֿאַרהאַרטעוועט די סאַברעס,
די אייניקלעך פֿון יהושע בן־נון,
פֿון בר־כּוכבא,
זיגער אויף דער יבשה
אין דער לופֿט,

אויפן ים —
די גאַנצע זון
איז אין איינער שלום־שפּאַן.

טייערינקע סאַברעס — „געהיימער וואָפן״
איך בין איינער אורח
אויף אַ וואָך און אַ האַלב
און פיל זיך ווי אַ מלך געזאַלבט.
אויך אין ניו־יאָרק איז מיין קאָפּ ניט געבויגן.
נאָר דאָ —
דער וווּנדער פאַר מיינע אויגן
מאַכט מיך יינגער.

משה רבינו מאַנט ניט מער קיין וואַסער ביים שטיין
האָב איך מיין דורשט געלאָשן אויף די וועגן
מיט קאַלטן ווייַן
וואָס טרינקט אָן
די סעדער, די גערטנער און פעלדער
דורך אַ רערן־רעגן.

איך האָב זיי באַגעגנט אין מדבר
די בראָנדזענע יאַטן;
ווי אין אַ געוועט קערעווען זיי די בולדאָזערס
זיי צעוועקן דעם אַרום
וואָס איז צווי טויזנט יאָר געשלאָפן.
זאָלן זשע זיין געבענטשט איינערע הענט
וואָס האָבן נעכטן געפירט די טאַנקען
איבער די פליינען פון סיני —
מיט געזאַנג.
און ס׳האָט מיטגעזונגען — יהודה הלוי.

כ׳האָב דערהערט זײַן קול: —
ווער עס לעבט מיטן ניגון פון דודס פידעלע
קאָן טראָגן אַ באַרג אַראָפּ צום טאָל!

תל־אביב,
ירושלים,
חיפה,
צפת —
שמאָלינקע געסעלער און
גאַסן אויסגעברייטערט,
אויף אײַער יעדן שפּאָן זינגען מײַנע טריט:
נײַגעבוירן ווערט דאָ דער ייִד.
האָב איך אָט דעם שטאָלץ גענומען אַהיים.
אויך דעם ים־המלח ווו איך האָב געפּרוווט שווימען,
די בלויקייט פון רויטן ים
האָט דעם בלוי פון אַלע הימלען אַרומגענומען.
מײַן אויג וועט שוין קיינמאָל ניט זײַן זאַט
אַן דעם צויבער פון אילת.
דער חיפהער האַפן
האָט אַ ייִנגערן חבר געטראָפן
און ליבע זיך דערקלערט פון יעדער שיף,
ווי פון באַרג צו באַרג
אַ תרועה־געשאַל.

דאָס גאַנצע לאַנד איז אויג־און־אויער:
דער שומר בײַ דער גרענעץ, בײַם טויער.
דער קיבוצניק מיט דער ביקס בײַם אַקער,
דער בויער בײַם עס־טיש וואָס רוט שוין אַ זאַטער.
די יונגע אַלמנה פון נײַעסטן קריג,
די מאַמע — בײַם קינד אין וויג,
דער פּאַסטעך פון שעפּסן און רינדער,

דער לערער אין קלאַס מיט די קינדער —
אַלץ שטייגט, יויערט און גייט־אויף.

ווײַל יתום פון דער לעצטער שלאַכט
האָט דעם שונא אַ חשבון געמאַכט:
— געדענק, ניט פאַרגעס,
מײַן טאַטנס מונדיר
איז ווי אָנגעמאָסטן אויף מיר...

דער מדבר
מיט אַ בלאַט געשיכטע פון יציאת־מצרים,
האָט אַ שבועה געגעבן צו ירושלים:
פאַר אַלע אינקוויזיציעס
פאַר אַלע געטאָס —
פאַר די זעקס מיליאָן וואָס מיר האָבן אָנגעווירן
מיט קדושהדיקער גרייטקייט דאָס אַלט־יונגע לאַנד
נעמט־אויף ס'פאָלק
וואָס ווערט דאָ נײַ־געבוירן.

אין צײַטן פֿון יאָר

אין די צײַטן

אין האַרבסט פאַרלירן די שענסטע בלומען
די קאָלירן.
אויך די בלעטער
פון מײַן בוים אין הויף
פֿוילן אויפן באָדן, פרירן.

די קוימענס אויף די דעכער
גריזשעט דער פּראַקטיקער ווינט,
ווי מיט ציין שאַרף-געשליפענע
צעבײַסט ער און צעפּעבערט
די שילדן אויף די שטאַנגען —
מיט זײַנע דונערדיקע קלאַנגען.

אין אַ גרין העמד
ווערט געבוירן דער פרילינג.
ס'אָטעמט מיט זאַטקייט די ערד
פון רעגן אָנגעטרונקען.
ווי דער פויער, טוט דער אַקעראײַזן רוען,
און גלייבט:
וואָס מען האָט פאַרזייט וועט בליִען.

קומען פייגל דאָ צו פליִען,
נעסטן זיי פאַרגרייטן.
פאַר די פייגעלער וואָס וועלן קומען
אין די נאָענטסטע צײַטן.

אָן חרטה...

א

די זון אינדערפרי איז הײַנט העליש צעברענט,
איר פּנים צעגליט, אַ מראה פון צאָרן,
צווישן בײַמער דער שאָטן ליגט ווי געפּענט —
די צווײַגן האָבן די כּוחות פאַרלאָרן.

אויף די גאַסן מ׳פילט דעם טעם פון חמסין,
פון ווײַטסטן מידבר אָן שטויב די גרוסן.
אויף מײַן גאַס פלאַקערט אַ הויז ווי קין,
ווי פון הימל אַ שטראָם נאַפט איז געגאָסן.

אין „דזשונגל" * די שעפער מ׳האָט פרי פאַרמאַכט:
די גאַסן פון דער חמימה ווי אין פריסעק געקנאָטן.
די אײַנגעזאַפּטע מידקייט אַהיים האָב געבראַכט
פון שטאָט — גיהנומדיק צעבראָטן.

* „דזשונגל" — אַ צאָל גאַסן מיט שעפער פון פרויען קליידער און מאַנטלען.

ב

דער הימל בײַנאַכט ווי צעווייקט פון כמאַרע־טינט,
ציטערט פון בליץ און פון דונער;
אומזיסט מײַן זוכן אַ שטערנדל אין אַט דער בלינד
פון דער נאַכט, דער שטיקנדיקער, פון זומער.

ס׳הייבט אָן פּישטשען אַ רעגנדל אַ דינס,
טראָפּנס חלשן אויף די אָנגעהיצטע שויבן.
אַ רחמנות אויף מײַן גערטנדל ס׳גרינס,
עלנטיק פּאַרוויקלט אין שטויבן.

אַ ווינט כאַפּט זיך אויף פון שלאָף,
ווי אַ חולה מיט אָן אָטעם פון סוכאָטע:
אָן ליפּן ער טוט אַ קוש מײַן בוימס טשוב —
ווי דאָס זאָגן ווידוי און חרטה...

1970

די ווײַטסטע שטערן

א.

דער קאַלענדאַר
איז ניט קיין שטומער עדות.
כאָטש ער שווײַגט.
זײַן בליק —
ניט
צו
מעסטן
די
מײַלן.

ב.

ער שווײַגט מיט אַ קול ביזן הימל.
אין זײַן האַרץ אַן אייביקייט.
פֿון די וועלט־מאַפּעס —
די סימנים פֿון קריעה־ריסן
ער לאָזט נישט פֿאַרהיילן.

זײַנע אויגן —
די ווײַטסטע שטערן
מיט ליכט אָנגעזויגן.
תּמיד רעדן זײַנע אויגן,
האָבן וואָס צו דערציילן...

1962

כ׳האָב ליב

כ׳האָב ליב די שטאָט אין אַ העמד פון שניי
און הערן די בלעטער פּאַטשן בראַוואָ דעם ווינט.
כ׳האָב ליב דעם זשום פון פליגל־פּאַטשעריי
פון מחנות פייגל וואָס קומען בונטע און לינד.

כ׳האָב ליב צו קוקן אויף בלומען, כאַטש דורך שויב,
אויף יעדן שפּאַן ערד וואָלט איך זיי צעזייט;
און פון ברעג צו ברעג געשיקט די שלום־טויב —
זאָל בליִען די וועלט אין אייביקער פרייד.

כ׳האָב ליב צו הערן ס׳בילן פון הינט
און ליגן אין היי־פעלד באָרוועס אויסגעצויגן.
כ׳האָב ליב, ווי לבנה־סערפּ איבער קוימענס שווימט —
אינעם קלאָרן הימל מיט שטערן־אויגן.

כ׳האָב ליב די זון, ווען זי פאַרבלאָנדזשעט אויף מײַן ניי־מאַשין
און שענקט אירע פעדעם פאַר די נעט אין קלייד;
עס קריגט דעמאָלט מײַן אַרבעט אַ נײַעם זין:
איך „שפּיל״ ווי אַ קלעזמער אויף פלייטן...

כ׳האָב ליב דעם ריטעם פון אונדזערס אַ ליד,
יעדער שורה זאָל זײַן אַן אויסגעהאַמערט בילד:
כ׳האָב ליב דעם טאַקט פון מאַרשן־שריט —
מיט אונדזער פאָן איינגעהילט.

1938

■

כ׳בין פֿאַרליבט אינעם בלי פֿון דיביימער
וואָס ליגט פֿאַרוואָרצלט טיף אין די שטאַמען,
אויב טרעפֿסט אין סאָד דאָרט אַ שומר
פֿאַרגעס נישט מײַן נאָמען צו דערמאָנען.

זאָג אים:
„ער וויל דאָ דעם עפּל געפֿינען
מיטן רייץ פֿון חוה־טעם זיסן...״
נאָר איך פֿון מײַן גאָרטן וועל אַנטרינען
ווי אויך מיך די שלאַנג וואָלט געביסן.

1969

שקיעה

אַ סך זונען זענען מיר שוין פֿאַרגאַנגען
און פֿאַר יעדן זונפֿאַרגאַנג כ׳בלײַב שטיין פֿאַרגאַפֿט,
עס יאָגן זיך וואָלקנס, עס קניִען די זאַנגען,
אָט־אָט וועט געבוירן ווערן די נאַכט.

גליִענדיקע פֿעדעם פֿאַרפֿעדעמען די פֿאַלדן
וואָס הענגען ווי טרעפּ אויף וואָלקנס פֿליגל.
גאָט באַווײַזט זיך אין מיליאָנען געשטאַלטן
בײַם באַהאַלטן די זון הינטער שלאָס און ריגל.

1965

פרילינג־וויגן

דער ווינטער איז אַוועק ווי אויף קוליעס,
ווײַט פון דער שטאָט, אויף בערג־און־טאָלן;
די געבליבענע סימנים פון אײַז־קריִעס
זיי לאָזן זיך הײַנט ניט באַמאָלן.

די טורעמס אין טומאַן האָבן די קעפּ פאַרלוירן,
אויף גאַסן און סקווערן מיט טונקעלן פּנים
די אומרו־מינוטן וועלן לאַנג דאָ ניט דויערן —
זיי זוכן אין זכרון דעם פרילינג אַפּנים.

דערווײַל האָט דער פרילינג דעם אַדרעס פאַרלוירן,
דעם אָטעם פון פראָסט נאָך געלאָזט אויפן טראָן.
די דונערס און די בליצן — פולע מיט צאָרן —
דער גורל פון זומער שטייט נאָך אין קאָן.

אַ ווינט, אַ שאַרפער, האָט פלוצעם דעם נעפּל צעשניטן,
ווי מיט צעגליטער שווערד, אַרויס פון דער שייד.
אויף די שעהען פון טאָג פלינק האָט געריטן
די ערב־נאַכטיקייט, מיט פײַער באַקליידט.

צווישן די וואָלקנס האָט זיך געעפנט אַ פענצטער,
וואָס שעהען געוועזן איז ווי מיט שלעסער פאַרמאַכט.
די לבנה, ווי אין אַ ווײַס־פוכיקן שפענצער,
האָט שוין צעליכטיקט די שאָטנס פון דער יונגער נאַכט.

פון אַרום מײַן הויף — פון דיביימער די צווײַגן —
וויגן זיך פאַמעלעך מיט אַ דינעם ניגון.
וואָלקנס ווי שניי־בערג קוקן און שווײַגן,
ווי עס ווערן געבוירן די פרילינגדיקע וויגן.

מיר וועלן אײַך דערציילן

אין מײַן גאָרטן האָבן די נאַקעטע צווײַגן פון עפּלבוים
זיך אויפגעכאַפּט פונעם לאַנגן דרימל.
דאַכט זיך, זיי עפענען די ליפּן קוים:
גוט מאָרגן, פרילינגדיקער הימל!

כ׳בין גרייט איצט צו שווערן: געהערט ווי ס׳רעדן די צווײַגן,
אַמאָל צוזאַמען און אַפּט — באַזונדער.
אין אַזאַ שעה בין איך פאַרטיפט אין שווײַגן:
עס זוניקט פאַר מײַנע אויגן דער וווּנדער.

זײַט געבענטשט, נידעריקע וואָלקנדלעך, שעפּסעלעך ווײַסע,
נאָכן ווײַטן שפּאַציר — קומט אויף אונדז רוען:
מיר וועלן אײַך דערציילן פון ווינטער אַ מעשׂה
פון פראָסטיקע טעג וואָס ווי פײַער זיי גליִען...

דער טעם אויפן גומען

וואָלקנס ווי פּאַליִעס וואָס ווערן צעריסן, —
מיט נאָדל און פאָדעם כ׳בין גרייט זיי פאַרנייען.
פון שנײַדערישן טעם אויפן גומען זיסן —
ניט גרייט כ׳בין פון אים זיך באַפרײַען.

פאַרן הימל זענען די וואָלקנס אַ העמד —
אַזוי נאָר אַמאָל כ׳האָב געטראַכט.
זייער בלויקייט האָבן מײַנע אויגן ניט פאַרבלענדט,
מיט זיי געלאָפן כ׳בין באַגעגענען די נאַכט
מיט שנײַדערישן טעם אויפן גומען.

ליכטיקייט געבראַכט

דער שאַרפֿער אָטעם פֿונעם ווינט
ווי שאַרסטקער זאַמד אויף מײַנע שויבן —
האָט פֿון שלאָף מיך אויפֿגעוועקט.
די רינעס און שינדלען פֿון מײַן דאַך —
די היים פֿון די טויבן,
האָט דער ווינט צעביסן,
און פֿונעם גאָרטן־טירל
די זאַוויעסעס אָפּגעריסן.

פֿונעם פֿליוכנדיקן רעגן
דער הימל מיט אַ וואָסערדיק פּנים
ווי ר׳וואָלט האָבן דעם ים אויסגעטרונקען;
די שורות — צעוויגטע טרעפּ אויף די וואָלקנס
און שטראָמען שאָטנס פֿלינק צעזונקען.

דער יונגער מאַיִקער פֿרימאָרגן
איז אין אַ גרויען קיטל געקומען,
מיט סימנים פֿון נאַכט.
אַ קורצע ווײַלע האָט געדויערט
און דאָס זוניקע פּנים
האָט פֿלינק גענומען אַרומשווימען
און צו אַלע ווינקלען
ליכטיקייט געבראַכט.

1984

געטלעכע געשטאַלטן

בײַם פֿאַרם־הויז — די בערג באַדעקטע מיט גאָלד.
אַ פֿאַס הימלבלוי אײַנגעהילט אין פֿלאַמען,
אין טאָל האָט דעם שמאָלן טײַך באַמאָלט
דער רעגנבויגן, מיט קאָלירן אַלערליי צוזאַמען.

ביימער גאַרטלען אַרום די בערג,
ווי מיט פֿײַערפֿינגער אַרומגענומען.
אַ וואָלקן־קאָפּ טראָגט קעמלען אויפֿן קאַרק
ווי אין פֿײַער דער שניי ווערט צערונען.

פֿון די מיניענדיקע קאָלירן דורשטיקן די אויגן,
איך קאָן ניט מיט זיי זיך אָנזעטן:
דער כּישוף ווי מיט פֿליגל צעפֿלויגן —
צום זומער־יום־טובֿ טוט מיך פֿאַרבעטן.

פֿון דער זון געוואָרן איז אַ האַלב־ראָד
ווי, חלילה, מען וואָלט זי צעשפּאָלטן,
מײַנע נאָענטסטע וועלן דערציילן אין שטאָט
ווו עס רוען די געטלעכע געשטאַלטן...

1978

בײַ יעדן שפּאַן

דער פֿרימאָרגן איז געקומען
מיט אַ פֿאַרכמורעט פּנים,
אַן אָנגעטראָגענער פֿונעם בײזן װינט.
זײַן אָטעם שאַרף איז —
אַ מעסער צעפּאָכעט,
װאָס אַלץ אים אין װעג
שנײַדט ער און שינדט.

ער צעפֿליגלט מײַנע פּאָלעס
נאָר צאַמט מיר דעם װעג,
װערט מיר קלאָר פֿאַר די אױגן
און איך זע:
די שאָטנס פֿון די בײמער,
די קעפּ די צעװיגטע און —
צװײַגן מיט צװײַגן אין געשלעג,
די פֿײגל צעשראָקענע
זענען אין ערגעץ פֿאַרפֿלױגן.

מײַן טאָג־טעגלעכער שפּאַציר געװען איז מיר װײַיק,
נאָר װער װײל דאָס זײַן אין שטוב געפֿאַנגען?
בײַ יעדן שפּאַן — דער װינט
צו מײַן לײַב איז שױן דערגאַנגען,
נאָר איך, װי ניט מיך ער מײנט,
בין מײַן װעג מיר געגאַנגען.

1983

■

דער צאַרטער רעגן
וואַשט די בלעטער
פון צעוויגטע צווייַגן
שעהען לאַנג.
פון וועגן און שטעגן
פייַפט דער ווינט זיך אַ ניגון —
אַ צאַרט געזאַנג.

דער טאָג איז נאָך יונג,
גאָר פרי הייַנט געקומען.
די זון ט׳אים באַקליידט
מיט אַ פלאַמיק פנים.
שניי־ווייַסע וואָלקנס
שווימען פלינק
צו די שיפן אויפן ים
וואָס זענען ווייט פון ברעג;
דער יונגער זומער,
אפשר זייַן וועט אים באַשערט
זוניקע טעג? — — —

1986

וואָלקנס מיט פליגל

פּאָר אָפּענע אויגן
דער הימל איז אַ שפּיגל,
וואָלקנס ווי מיט פליגל
שפּאַרן אַרויס פון רעגנבויגן.

דאָס זוניקע פּנים
באַלײַכט בײַנאַכט די לבנה
צום נאָענטסטן שטערן —
זי וועט אַמאָל נאָך קומען.

די שטערן־בריליאַנטן
ניט איך קאָן זיי ציילן:
זיי לײַכטן אויף ניט־געצאַמטע
ביליאָנען מײַלן.

דער הימל איז זייער היים
אָן טויער, אָן טירן:
זיי פילן נישט קיין פּײַן
פון ערדישע געשווירן.

קיין גאַסט איז נישט דער רעגן,
דעם ווײַן מחיהדיק צו טרינקען.
אַ שטורעם צעצאַפּלט די וועגן
ווי פון דונערס וואָס זינקען.

פון שטורעם די בלעטער

אויף ערב־נאַכטיקן הימל
מ׳זעט שוין די צאַפּלדיקע וואָלקנס —
כוואַליעס־רײַטן־אויף־כוואַליעס
אין ווילדן גאַלאָפּ;
פון זוניקן פּנים
וואָס בײַ טאָג האָט געגליט
ניטאָ מער קיין סימן,
פונעם גאָלדענעם שטראַלן־סנאָפּ.

אַ דונער האָט צעצאַפּלט די שויבן
און צעוויגט אין מײַן צימער
די בילדער אויף דער וואַנט.
אויך דאָס בילד „שלום־טויבן"
וואָס איז פרעמד די פּאַרדאַרבער
פון מער ווי פון אײן לאַנד.

פון שטורעם די בלעטער פון מײַן עפּלבוים
די האַלב־נאַקעטע צווײַגן
וויגן זיך אַהין־און־צוריק,
מיט אָטעם ווי פון גליענדיק פײַער
אויף די טרעפּ בײַם שוועל,
ווי אויף אַ לייטער פון שטריק,
מײַן גאָרטן איך באַדויער —
וואָס געוועזן
איז
און וועט זײַן מיר
טײַער.

1985

אַ חלף פון פונקען

מיט פלינקע פליגל
דער קילער זומערטאָג טוט זינקען:
אַ שאַרפער ווינט האָט צעשניטן אים
מיט אַ חלף פון פונקען.

פון דער טונקלקייט —
דער הימל האָט בערג געבוירן.
זייערע הייכן ביז די וואָלקנס —
די קעפ פאַרלוירן.

כ'זע פעדעם — סימנים
פונעם הימלישן פנים זינקען;
ווי אויף צעוויגטע קוליעס
באַרג אַראָפּ טוען הינקען.

וואָלקנס אויף מײַלן,
איך פרוּוו זיי ציילן;
זענען פלוצעם זיי געקומען
מיט ערבֿ־נאַכטיקייט אָנגעטרונקען,
זיי דערמאָנען אין שיפן צווישן כוואַליעס,
וואָס לויפן ראַטעווען זיך פון זינקען.

1982

אַ מידע פון רוען

אין די כמורנע טעג
מיט די שוואַכע אָדערן פון זומער,
ווי אין קייטן געווען איז מײַן געמיט.
אויפן ברוגזן הימל,
אין חלום.

געזוכט כ׳האָב אַ טיר
פונעם גינגאָלדענעם צימער.
פון דאָרט
כ׳וועל אויפוועקן מיט אַ ניגון
די זון,
וואָס האָט שוין לאַנג ניט געגליט.

איבער קעפּ פון טורעמס צום הימל
נאָענט פאַר מײַנע אויגן
פיבערדיק זענען די וואָלקנס —
שנייבערג צעשווימען
ווי אַנטלאָפענע קרבנות
פון תפיסות אין סיביר:
בײַנאַכט — די לבנה
זיגזאַגיש געגאַן איז אַן שטערן
מיט אַ פּנים ווי נאַר אַ דרימל,
אויף אַ קורצן שפּאַציר.

כ׳ווייס ניט צי די זון,
אַ מידע פון רוען
בײַם גן־עדן שוועל,

גערטאָן האָט אַ בליק
אויף אַ בלעטל פון קאַלענדאַר?
די לופּטיקע ליפּן דערציילט האָבן צומאָרגן,
פון דער זונס גלייען:
אַן עדות יעדער שפּאַן
ווי געקנאָטן אין זשאַר.

1987

דער קאָפּ פֿון באַרג

דער קאָפּ פֿון באַרג איז באַקרוינט מיט צעגאָסן גאָלד.
אַ שטיק הימלבלוי געהילט אינעם פּלאַם.
איך אָטעם קוים: ווער האָט עס געמאָלט
מיט רעגנבויגן־פֿאַרבן אין אַ שקיעה־ראַם?

די הויכעביימער נאָענט צום טאָל און באַרג,
מיט זונסטענגעס אַרומגענומען.
אַ וואָלקן, אַ שיף אויפֿן קאַרק פֿאַרשטעלט,
דאָס געשטאַלט, פֿון מײַן אויג ווערט אַנטרינען.

אויף די מיניענדיקע קאָלירן דאַרשטיקט מײַן בליק:
אַ טראָפּן זאָל באַחנען מײַן ליד.
אַפֿילו דער וואָלקנריז זאָל קומען צוריק
בלייבט ס'בילד און מײַן זכּרון פֿאַרהיט.

די זון איז איצט אַ האַלבע פֿײַערראָד,
איך צאַפּל:
האָט ווער די זון געשפּאָלטן?
— אפֿשר פֿאַר אונדז — די געסט פֿון שטאָט —
די זון זיך גאָר פֿרי האָט באַהאַלטן?

1977

אויף אַ האָר

כ׳מײַד־אויס צו שווימען בעת דער ים איז בייז
און גריזשעט דעם זאַמדיקן ברעג.
די נידעריקע וואָלקנס, ווי שנייַ אויף בערג אײַז —
אָפּטמאָל פאַרבלאָנדזשען אין די יולי־טעג.

איך ווייס ניט ווער ס׳האָט די יוצרות פאַרמישט,
די זומערטעג פאַרשלייערט מיט אַ האַרבסטיקן טעם.
כ׳האָב ליב צו זען ווי די זון גליַיק קושט
די כוואַליעס, וואָס שטיפן און צעפינקלען דעם ים.

אמת. דער זומער איז געקומען אויף קוליעס צוגיין.
די זון האָט זיך געפּיעשטעט ווי אַ פּרימאַדאָנע.
נאָך די פרעסט — איר וואַרעמער חן —
נאָר איך בין פאַרליבט אין איר אַלטער מאָדע...

דעם זמן פונעם יאָר האָט פאַרגעסן דער קאַלענדאַר,
כאָטש גיי און האָב טענות צום בורא,
שטיי איך בײַם ברעג דאָ ווי אַ נאַר,
וואָס וויל רופן די זון צו אַ דין־תורה...

דאָס וואַסער איז קאַלט, די זון איז אַוועק.
דער ווינט האַלט די כוואַליעס אין איין שפּאַלטן.
אַזאַ ים כ׳וועל נישט טרויען קיין שום פאַרמעג: —
אַנומלט, בײַם שווימען, מײַן לעבן אויף אַ האָר ט׳זיך געהאַלטן...

1974

פון שלאָף מיך צעוועקט

דער אָטעם פון ווינט,
ווי שאָרסטקע זאַמד אויף די שויבן,
האָט פון שלאָף מיך צעוועקט.
די רינעס און די שינדלען פונעם דאַך —
די היים פון די טויבן,
ר׳האָט געביסן און געשליסן,
צעבראָכן ס׳טירל פון מײַן גאָרטן
וואָס פאַרגעסן איך האָב צו פאַרשליסן.

דאָס פנים פון הימל
נאָכן פליוכעדיקן גאָס
געוועז פאַרגרויט איז און פאַרזונקען,
ווי דער רעגן וואָלט דעם הימל אַליין אַנגעטרונקען...

דער פרימאָרגן איז געקומען אַ מידער
אין אַ טונקעלן לבוש,
פון אַט דער שלאָפלאָזער
צעשטורעמטער נאָכט.
נאָר ניט לאַנג האָט געדויערט
און די זון איז געקומען —
ווי דורך וואָלקנס דורכגעשווומען,
און פאַר יעדן שפּאַן אונדזערן
גאָלד־סנאָפּעס געבראַכט.

1984

די זון האָט צעגליט

מײַן גאָרטנס אָטעם אינדערפֿרי,
ווי מוזיק פֿאַר מײַן אויער.
דעם ווינטלס צאַרטער ניגון,
פֿון ריטמישע צווײַגלעך אַ וויגל —
אין נעסטן די שוואַלבן.

ווי אַן אוצר איך היט פֿאַר די פֿייגעלעך ס׳אָרט,
כ׳זינג זיי אַ ייִדיש ליד
פֿון אַ שעפּסעלע און אַ ציגעלע,
און פֿון אַ גערטנדל וואָס תּמיד בליט,
ווו יעדעס ווינקעלע
די זון האָט צעגליט.

1984

אַ פֿײַערדיק ראָד

די היצן, — דריי טעג שוין,
צעגליען די שטאָט
ווי אַן אָטעם פֿון פֿלאַמען.
די זון — אַ פֿײַערדיק ראָד —
ווי דער פּיסק פֿון גיהנום.

ניט נאָר מענטשן גאַרן נאָך אַ רעגן,
אויך די ביימער, די גראָזן,
אַפֿילו פֿון שוועלן די שטיינער
זענען קשיות בײַם הימל גרייט צו פֿרעגן:
ווען דערפֿרישט איר אונדזערע ביינער?

מײַן פֿאַרחלשטן גאָרטן
זייער אָפּט כ'טו באַשפּריצן
מונטערן די גוססדיקע בלומען.
די שאָטנס פֿון די ביימער
קאָנען איצט ניט שיצן
און זייערע צווײַגן ווי מתים שטומען.

1979

טרערנדיקע שויבן

די זון האָט שנעל זיך געזעגנט מיטן טאָג,
ווי אַ מידע געקומען און באַוויזן צו אַנטרינען.
אַ שניי־ווײַס וואָלקנדל וויגט זיך ווי אויף אַ וואָג, —
דעם אָוונט זי באַמיט זיך צו געווינען.

אַ כמורענער הימל ווערט איצט געבוירן —
אַ גרויער און זינקענדיקער, ווי קאַלטער בלײַ;
ווי דער לוח וואָלט דעם זכּרון פאַרלוירן
ווי פאַרגעסן ר׳וואָלט די גאָב פון חודש מײַ.

האָט אַ דונער דעם הימל צעשפּאָלטן,
צעבראָכן די שליוזן פון די טיפסטע קוואַלן.
פון די ביימער די שאָטנס ווי פּירפּיסיקע געשטאַלטן,
עס פאַרבט זיי דער האָגל, ווי געשיט אויף זיי שטראַלן.

דער בליאַסק אין די פענצטער פון חלפדיקע בליצן,
ווי דער בלענד פון ביליאָנען פונקען:
עס קאָן קיינער אַצינד דעם דרויסן ניט שיצן —
ער ווערט אינעם מבול דערטרונקען.

און דער ווינט אין זײַן אימהדיק ברומען
האָט פאַריאָגט מײַנע היימישע טויבן.
און ווי די נאַכט וואָלט אויף פליגל אָנגעקומען,
באַקליידט ער מיט גרויקייט די טרערנדיקע שויבן.

1982

פון שטראַלן צעקעמט

פול מיט זוניקע בריליאַנטן
ס׳געטאָקטע בערגל שניי
אויפן קאָפּ פון עפּלבוים —
אַ ווײַסע קרוין.

פון פראָסט פאַרקלעמט
די פינגער פון בוימס צווײַגן־הענט
אָן קנויטן אײַז־ליכטלעך
מײַן גאָרטן באַצירן;
שימערירן —
פון שטראַלן צעקעמט.

דער ערשטער זוניקער שפּראָץ,
אינעם וואָלקן געעפנט האָט אַ טיר,
און ווי פונקען דער ראָד
גענומען האָט גליִען;
פון דער נאַכטיקער וואָג,
און דער געבוירענער טאָג,
מיט ליכטיקע פליגל —
ווי אַ ווינט האָט גענומען פליִען.

1986

דער בוים אין מײַן גאָרטן

רעגנטראָפּנס פֿון מײַנע באַקן טריפֿן ווי טרערן.
אַ באַרוועסער שפּאַן איך אויף נאַסן גראָז.
אין די שפּעטע שעהען דער בלישטשאַסק פֿון די שטערן
אויף די צווײַגן, ווי צעמאַלן גלאָז.

דער בוים אין מײַן גאָרטן, אַ שפּאַן פֿון מײַן צימער,
ווערט יעדן פֿרילינג נײַ געבוירן.
איך קוק אויף אים און שווײַג ווי אַ שטומער,
וואָס האָט אויך זײַנע ווינטערס פֿאַרלוירן...

1987

דער פראָסט בליט

ווער איר פּנים אַמאָל פון מײַנע אויגן פאַרשווינדן,
בעת אין יעדן אָדער פון מײַן האַרץ זי גליט?
ס'איז אַ וווּנד פון ניט־פאַרהיילטע ווונדן
און זי — אַ בלום — אויך אין פראָסט בליט.

איר טיר וואָס שטייט שוין לאַנג פאַרשלאָסן,
און אײנעם קאַלטן שליסל שאַרפע רייד:
אַ שטערן איז פון לאַנג שוין אָפּגעפלאָסן
פונעם פוסטן הויז, אויף מײַלן ווײַט...

כ'קאָן דאָס ניט דערגרונטן, דערגיין צו אַ סך־הכּל,
עס בלײַבט פאַר מיר די טיפקייט פאַרדעקט.
מײַן שאָטן אויף דער וואַנט איז אומזיכער, צעוואַקלט —
איר בליק אויף מיר איצט ס'שווײַגן צעוועקט.

גאָלדיק־צעשפּיגלט זי שוועבט מיר אַנטקעגן,
וואָס נאָענטער זי ווערט — אַלץ מײַלן ווײַט;
זי שווימט אַ נאַקעטע אין אַ שטערן־רעגן,
אַ לבֿנה, — ווי אַ ציפּערבלאַט — ווייסט ניט פון קיין צײַט.

1981

פאַרן ניגון פון מײַן ליד

אויפֿן פֿאַרם האָב איך געשוווירן, אינעם בלאָען באַגינען,
מיט עקשנותדיק שווײַגן צו די ווײַטסטע ווײַטן: —
אײַערע שעפער מיט די „זינגער״־ניימאַשינען
אויף אַ טראַקטאָר כ׳בין איצט גרייט צו פֿאַרבײַטן.

די מײַלן וואָס כ׳האָב אויסגענייט פון די שפולן פֿאָדעם,
אַרומוויקלען מיט זיי כ׳וואָלט קאָנען די וועלט,
און אויב כ׳וואָלט באַגעגנט דעם אָנקל **אדם**,
פֿאַר חוהן קיין „דרעס״ וואָלט מער ניט געפֿעלט...

כ׳האָב געפּועלט בײַם פֿאַרמער, מיר געטרויען דעם טראַקטאָר,
אין מײַנע הענט בלאָנדזשעט ניט דאָס געקאַרבטע ראָד.
כאָטש גיי און דערצייל אים: איצט בין איך דער רעדאַקטאָר,
ווי נעכטן, אין שאָפּ, געהיט אין סאַמעט די נאָט...

איך פֿיל אויף זיך די צענדליקער אויגן
און וווּנדער זיך אויף זייער וווּנדער:
כ׳האָב געמאָסטן דאָס פֿעלד מיטן סטעזשקע־בויגן
און יעדן עפּלבוים געהאַלדזט, געגלעט אים באַזונדער.

און אָנגעזאַפּט מיטן ריח פון רײַפע זאַנגען,
פון די שורות בינטלעך וואָס איך האָב געשניטן —
וועל איך נעמען אַהיים די קאָסע־קלאַנגען,
פֿאַרן ניגון פון מײַן ליד — אַ תּיקון.

העליש צעברענט

ס׳איז די זון הײַנט גאָר פרי שוין העליש צעברענט,
איר פּנים צעגליט — אַ מראה פון צאָרן.
צווישן די ביימער ליגן די שאָטנס געפּענט,
ס׳האָבן די צווײַגן די כּוחות פאַרלאָרן.

מ׳פילט אויף די גאַסן דעם טעם פון חמסין,
פון וויַיטסטן מדבר די שאַרפע גרוסן...
אַ דונער האָט מיך אויפגעוועקט הײַנט באַגין
בעת ס׳האָט דער רעגן ווי פון צעבערס געגאָסן.

נאָך מיטאָג, די שעפער מ׳האָט פאַרמאַכט:
יעדער שפּאַן פון דער חמימה ווי אין פּריסעק געקנאָטן.
אויף די פּלייצעס אַ מידקייט אַהיים כ׳האָב געבראַכט,
שווייס פון שטאָט — גיהנומדיק צעבראָטן.

בײַנאַכט, דער הימל ווי אײַנגעשמירט אין טינט,
ציטערט פון בליץ און פון דונער:
אומזיסט מײַן זוכן אַ שטערן בלינד
אין דער נאַכט פון שטיקנדיקן זומער.

ס׳הייבט אָן פּרישען אַ רעגנדל אַ דינס,
טראָפּנס חלשן אויף צעהיצטע שויבן.
אַ רחמנות אויף מײַן גערטנדל מיטן גרינס
וואָס איז יתומדיק געקליידט אין אַ העמד פון שטויבן.

אַ ווינט כאַפּט זיך אויף פון שלאָף
מיט אַ קול אָן נאָטן נאָר שאַרף געשליפן.
ווי אַ שטורעם איך הער זײַן רוף:
„ניט זינקען זאָל דײַן אָטעם אין די טיפן״...

אַ ליד ווערט געבוירן

כ׳בין אַוועק פון טומלדיקער שטאָט
צום פאַרמהויז ווו זומער כ׳האָב פאַרבראַכט:
צווישן בערג און וואַלד מ׳ווערט נאָענט צו גאָט —
אין אַ סוף־זומער גאָלדיקן פאַרנאַכט.

אַ צעגליטער קופעררויט קאָלערט זיך אויפן באַרגשפּיץ
ווי דער פלאַמיקער הימל נידערט צום טאָל.
דעם זונפאַרגאַנג באַגלייט אַ דונער און בליץ —
מיט שקיעה־גאָלד פאַרזינקט ס׳פאַרמהויז מיטאַמאָל.

אויף דער שטיינבאַנק בײַם שוועל, ווי צוגעשמידט,
מיט צוויבער כ׳וועל אַנטרינקען מײַנע אויגן.
אין מוח דאָ פלוצעם ווערט געבוירן אַ ליד
פון נעכטיקן זען דעם רעגן־בויגן...

1934

ווער קאָן בינדן דעם ווינט?

1

דער ווינט טרײַבט די הורבעס בלעטער,
קאָלערט די בערגלעך גאָלד אַהין־און־צוריק.
אויב דער ווינט וועט אַמאָל זײַן אַ זאַטער,
וועל איך אים לייגן שלאָפן אין אַ וויג...

דעם בוים אין מײַן גאָרטן האָט ער אָפּגעשווּנדן,
ס'לעצטע בלעטל פֿאַרטאָג אָפּגעריסן.
ווער ס'האָט אַ שטריק דעם ווינט צו בינדן
וועל איך דאַנקען פֿאַר לאָזן מיר וויסן.

2

צום שפּיץ פֿון מײַן בוים האָבן פֿאַרבלאָנדזשעט מײַן שכנס גאַטקעס,
בלאָזט זיך דאָרט מײַן שכנס זײַט־מיר־מוחל.
ווער ס'זאָגט: כ'פֿאַרשפּרייט פּליאָטקעס,
קאָן ניט דעם ווינטס שטוקעס — זײַן צעבלאָזענעם שׂכל.

אָט נעכטן באַוווּנדערט אַ מאַנס געקרויזטע לאָקן,
אַזאַ קאָפּ האָר געוווּנטשן זיך,
איז אָנגעלאָפֿן דער ווינט, ווי אַ קאַץ אין זאָקן
און מיר געוויזן וואָס עס מײַנט אַ פּליך...

אויב באַשערט אַמאָל

דרײַ טעג שוין ווי די חמימה וואַרגט די שטאָט,
ווי דער הימל וואָלט געניִדערט אין פלאַמען.
הײַנט שרעקט ווידער ס׳פּנים פון דער פּײַערראָד
וואָס קאָן פאַרטונקלען דעם פּיסק פון גיהנום.

בײַ גאָט וועל איך קשיות נישט פרעגן,
פאַרוואָס די וואָלקנס זענען טרוקענער ווי ביינער.
נישט נאָר איך בענק און גאַר אויף אַ רעגן,
אויך די שוועל, די צעגליטע, די טרעפּ און די שטיינער.

מײַן פאַרחלשטן גאָרטן איך קאָרג נישט צו שפּריצן,
דערמונטערן די גראָזן און די גוססדיקע בלומען.
דעם עפּלבוים כ׳בין הילפלאָז צו שיצן —
ער האָט פּלוצעם פאַרלוירן זײַן גרין פּנים.

ווו זענען די ווינטן, די דונערס, די בליצן?
אפשר אין גן־עדן האָט גאָט זיי פאַרשלאָסן?
אויב באַשערט מיר אַמאָל אַ מינוט דאָרט צו זיצן,
דערציילן כ׳וועל פון שווייס וואָס כ׳האָב פאַרגאָסן — — — —

מײַן שאָטן פֿרירט אויפֿן וועג

ס׳ווערט שיטערער דער וואַלד;
די פֿאַרבליבענע ביימער ציילן די טעג.
מיר ווערט קאַלט,
מײַן שאָטן פֿרירט אויפֿן וועג.

ס׳האָט געלויכטן דער זומער דאָ, געקומען דער ווינטער,
אין שײַער האָט געחלומט דער אַקער.
די ביימער — (אפֿשר וועט זײַן געזינטער
ניט צו דערמאָנען) — זענען אַוועק אין פֿלאַקער.

ווי לאַנג קאָן בלײַבן די נעסט אין אַ וואַלד
וווּ ס׳וואַקסן מער ניט קיין יונגע ביימער?
פֿון יעדן שטאַם אַ ווײַטער שאָטן פֿאַלט:
„מיר האָבן געזייט שטיינער" — — —

קיין ליכטיקער טראָפּן

אויפן ברוגזן הימל
איז פּונעם זוניקן פּנים קיין סימן,
קיין ליכטיקער טראָפּן ניט געבליבן.

די טונקעלע וואָלקנס —
באַרגיקע פעלדזן
מיט מגושמדיקע פּאַסן,
ווי צעשטאָכן פון די קופּאָלן —
געעפנט אין זיי די קראַנעו
פאַר די מבול־שטראָמען
וואָס דערטרענקען די גאַסן.

דער יונגער טאָג
האָט אויסגעטאָן ס׳אַלטע נאַכטיקע העמד:
מיליאָנען שויבן
האָבן געעפנט די אויגן
און צעבלישטשעט די ליכטשטראַלן־נעצן
אויף די טראָטואַרן און ווענט.

מיט שליסלען בײַ דער שוועל,
ווי דערשראָקן פון די בליצן
כ׳גליווער בײַ מײַן טיר
און ס׳דאַכט זיך מיר —
די דונערס לאַכן אָפּ פון מיר...

ווינטער־גרוסן

פון האַרבסטיקן ווינט די ווינטער־גרוסן
מיט פראָסטיקע מעסערס קומען צו גיין;
נאָענט פון קוימען אַ שטיק פון מײַן דאַך איז צעביסן
פון ווינטישע וועלף, מיט שאַרפע ציין.

דער בוים בײַ מײַן הויז נאַקעט אָן בלעטער.
אַ שיכּור — אין ווילדן קאַראַהאָד.
איך פיל אויף מײַן פּנים דעם נאָענטן פלאַטער,
די שאַרפע קעלט וואָס שפּיזלט און בראָט.

דער ווינט צעפּאָכעט די צווײַגן — אַזאַ גבורה אים באַשערט,
מיט פײַפנדיק וואָיען, ווי אַראָפּ פון זינען.
דעם נאַקעטן בוים הילפלאָז, פאַרצערט,
שאָטנס, ווי מיט הענט, אים אַרומגענומען.

ערשט נעכטן די צווײַגן גאָלדיק באַקליידט,
איצט הענגען זיי אַראָפּ ווי צעבראָכענע הענט.
איך גאַף אויף די וואָלקנס, ווי אויף בערג באַשנייט,
אין אַ ווינטער־טאָג אַ פראָסטיק צעברענטן.

די זון געזעגנט זיך מיטן קאַלטן טאָג.
אַ קאַלעמוטנע גרויקייט פאַרהילט די שויבן.
עס אַרט ניט דעם ווינט וואָס מײַן בוים האָט פאַרמאָגט,
ער ווירבלט דאָס גאָלד, ווי ער ווירבלט די שטויבן...

1983

זוניקער פונק

דער בייזער ווינט,
האָט דעם אָטעם פאַרלוירן
און אַוועק אַ מידער
אויף זײַן געלעגער רוען.
פרי האָט דער טאָג
די נאַכט־שײַן געבוירן
און געלאָזט ערגעץ ווו
די נאָר־ליכטיקע שעהען.

אויפן הימל נאָכן רעגן
טויערן זענען אָפן,
די לבנה,
ווי פון היטל אַ דאַשעק.
די שטערן מיט ליבשאַפט
קומען איר אַנטקעגן
און מיט קאָסמיש בלוט, ראַשיק.

אויף מײַן לאַנגן שפּאַציר
כ׳קוויק זיך מיטן זען
ווי געזען כ׳וואָלט דאָס צום ערשטן מאָל.
די נאַכט איז נאָך יונג,
ווי מײַן ליבע די ייִנגסטע
וואָס לײַכט פאַר מײַנע אויגן —
אַ זוניקער פונק.

1982

הונגעריק פּנים

ניט איינמאָל זיך געקוויקט מיטן טעם
דעם זיסן פון קילן ווינטל,
ווען ס׳האָט אַ שווייס מײַן גוף געהילט.
כ׳האָב געוואַרט אויף דעם גאַסט דעם ליבן
האַרציק אים צו באַגריסן
פאַר דער פרישקייט פון זײַן אָטעם
וואָס האָט מײַנע לונגען אָנגעפילט.

און בעת אַ ווינטל, אַ זומער־פעבער
זשאַלעוועט ניט אַ קוש און אַ גלעט
די באַזונטע בלעטער,
דוכט זיך: — פון תענוג אין די אָדערן
ווערן פולער די צווײַגן
און די וואָרצלען פון בוים.

נאָר נאָכן דינעם זומער־רעגן
דערמאָנט מיך ערשט ס׳ווינטל
אין יענע צאַרטע לענגלעכע פינגער,
פיאַנאָ־פינגער,
וואָס האָבן מיט כוואַליענדיקע ניגונים
מיך באַזונגען און ניט געקאַרגט צו מעסטן
מײַן הונגעריק פּנים.

1982

דורך מײַן שויב

דער ווײַסער בלענד אין מײַן שויב
מיט ווינטער־שפּראַך דערציילט:
אין אַ ווײַס־פּוכיק העמד
איז יעדער גאַס געקליידט.
בײַנאַכט האָט געשטורעמט —
שניי־בערג און בערגלעך
האָט דער ווינט אויסגעפורעמט;
צעוויגט די שילדן אויף די שטאַנגען
און צעוויכערט די שטאָלענע קלאַנגען,
די קעפּ פון דיביימער
פאַרוואַנדלט אין פּעכער,
אויך די קוימענס אויף דעכער
זײַן צאָרן ט'ניט געמיטן.
פון טרעפּ בײַ שוועלן
ניט געלאָזט דאָרט קיין סימן.
וואָלקנס צעריסן האָבן אויף שטיקער
דעם קאַלטן באַגינען.

קיין סימן

דעם וועטער־נביא נעכטן כ׳האָב געהערט זאָגן
וועגן דעם וואָס טרעפן וועט הײַנט.
נאָר,
ווי עס טרעפט אַ בלינד פערד מיט אַ וואָגן
דעם געוווּנטשענעם אַדרעס: —
ס׳האָט ניט גערעגנט
קיין איין רגע פון מעת־לעת.

ס׳האָט די זון זיך ניט פאַרשלאָפן;
אויף איר צעגליט פּנים
איז פון שלאָפקייט קיין סימן ניט געווען.

די וואָלקנס, די קלאָרע וועכטער,
האָבן פון וועטער־נביא געלאַכט
מיט אַ ליכטיק געלעכטער.

1986

אָן אַ צייכן פון פונקען

ווער עס האַלט אָפן די אויגן
בײַם מבול וועט ניט פֿרעגן —
אין וויפֿל נײַגעבוירענע טײַכן
וועלן פֿאַרוואַנדלט ווערן
שטעגן און וועגן.

ווײַל שטורעמס וואַרטן ניט אויף פּאַספּאָרטן.
און איך קאָן זײַן אַן עדות,
אַז דער זומער איז געקומען
מיט אַ גרויער באָרד,
גרויער ווי בײַם עלטסטן פֿון די זיידעס.

די פֿײַערדיקע הערצער פֿון די דונערס
און די אויגן־פֿאַרבלענדנדיקע בליצן
ווייסן זיכער דאָס אָרט
וואַהין די זון איז נעכטן אַוועק
און נאַקעט געלאָזט — אָן אַ סימן פֿון פֿונקען,
וואָס זוכן צו אונדז זיך אַ וועג.

נידערן די פֿאַרשאָטנטע וואָלקנס,
ווי שינדלען צעוווייקטע אין שימל,
זיי גליטשן זיך שנעל בערג־אַראָפּ
צוזאַמען מיטן נידערן פֿונעם הימל.

1984

מיט פרילינגדיקן ניגון

ס'איז מיר קלאָר פאַר די אויגן:
דער יונג־געבוירענער פרילינג
די ווײַטע, די ווײַטסטע מײַלן,
די וווּנדן פון פראָסט ועט היילן.

דער זוניקער טאָג איז אַ שלײַפער אַ געניטער —
אַן אַ שיעור דימענטן שוין געשליפן;
פליגלען פון הימל אָן אַ גרענעץ,
אָן אַ צאָם,
באַגלייטן שיפן אין צעשטורעמטן ים.

נאָכן בייזן רעגן
האָט אַ דונער די נאַכטיקייט פאַרטריבן.
בלישטשענדיקע שטערן אין די שויבן,
וועבנדיק פעדעם פון באַגינען,
האָבן זמרדיק פון שלאָף מיך צעוועקט.

האָט דער אָטעם פון מײַיקן ווינט
אַ צאַרטקייט פאַרזייט,
צעקעמט די קעפּ פון דיביימער
און זיי אָנגעטון אַ העמד פון זײַד;
די באַטוײַקטע בלעטער אין מײַן גאָרטן
אויף די צווײַגן זיי טוען זיך וויגן,
פאַר זיי האָב איך ווערטער און שורות —
און אַ פרילינגדיקן ניגון.

1984

באַזונט

איך קוק אַ פּאַרגאַפּטער
אויף אַ וואָלקנדל וואָס נידערט
און אין ים עס פּאַלט אַרײַן
ווי אַ צווײַג פֿון אַ בוים אינעם וואַלד.

די אָנקומענדיקע שטערן ציטערן
מיט דימענטטרערן אין די אויגן,
ווי זיי וואָלטן געוויינט
נאָך אַ פֿאַרלוירענעם רעגנבויגן.

איך האָרך נאָך דער לבנה און זע
ווי אין מילעכטײַך זי שווימט;
איר בלאַס, בלאַס פּנים
די נאַכטיקייט באַזונט.

1982

דעם ים אָנטרינקען

אַ זומערטאָג איז געוואָרן געבוירן
מיט אַ נאַכטיקן פּנים.

זײַן זון געבליבן איז רוען
אויפֿן שטראַלן־געלעגער.

צעפּראַלן די הימלישע טויערן
די בליצן און דונערס.

דער צעשטורעמטער מבול
דעם ים טוט אָנטרינקען.

וועגן און גאַסן ווערן טײַכן
און טײַכן — טרעפּ צו דעם תּהום.

ווי שיפֿלעך אויף כוואַליעס וואָס גאַרן צון אַ ברעג
אַזוי די צווײַגן, די אַראָפּגעריסענע פֿון ביימער.

פֿון דער נעסט פֿונעם בוים אין מײַן גאָרטן
צעווייקטע פֿעדערן דערשווימען צו מײַן שוועל.

אויפֿן גאַנג פֿון די ווײַזערס איך גאַף
ווי זיי ציטערן פֿאַרן בליץ, פֿאַרן דונער.

אויך די הימלקראַצערס וואָס גלעטן תּמיד די כמאַרעס,
פֿון אָט די שאָטנס זענען איצטער ווי געזונקען...

1984

בליצן און דונערס

שעהען פון סוף יולי־טאָג,
פון הימל אַ מבול —
גאַסן און סקווערן אין זינקען.
ניט איינמאָל אַזאַ פּלאָג:
יעדן שפּאַן פון ניט־דורשטיקער שטאָט
מיט פּײַן אַנגעטרונקען...

צווישן שווימנדיקע וואָלקנס
מיט רינגען פון שטערן
ווי אין אַ מילעכטײַך שווימען
אין דער הייסער נאַכט.
פּלוצעם — בליצן און דונערס,
פלינק קומען
פון געבווירענעם מאָרגן —
שטורמיש צעלאַכט...

ווינט און רעגן

מיר איז ליב די פּעטש פון ווינט,
וואָס ברענגט צו טראָגן דעם רעגן.
צו וואָס זיך יאָגן אַהיים געשווינד, —
וואַרט אויף מיר אַ פּאַרמעגן ?...

מ'קאָן בלויז ווערן נאַס
און די שיך פֿאַרשמירן מיט בלאָטע.
דער ווינט האָט ליב צו מאַכן שפּאַס,
נאָר וועט ניט קוילען די קאַפּאָטע...

שוין יאָרן

סוף זומער —
אַז דער ווינט איז ניט בייז,
ווי מיט מאַמעשע פינגער
צעוויגט ער פון ביימער די בלעטער
וואָס די גרינקייט פאַרלירן;
און אַז זײַן אָטעם איז צערייצט
וויגט מיט רציחה ער די צווײַגן, —
פלינק זיי בײַטשט.

די בלעטער, די אויסגעקוואַרטע,
וואַרפן זיך אין אַ ווילדן קאַראַהאָד
ווי געריירטע פון זינען.
די נאַקעטע צווײַגן,
ווי הענט צום הימל
הייבן זיך מיט אַ תּפילה צו די הייכן:
גאָט זאָל פאַר יעדן האַרציק בלעטל
אַ נײַע היים געפינען.

סוף זומער,
דער לות איז אַן עדות:
די ביימער וואָס שטייען פאַרקלעמט,
זייערע הערצער וועלן נישט פרירן:
עס וואַרט פאַר זיי אַ שניי־העמד.
דאָס העמד וועט זיי וואַרעמען —
עדות די קרוינען אויף זיי.
אין פרילינג זיי וועלן דערוואַכן,
גרינען און בליִען אויף־דאָס־נײַ.

בין איך מקנא די ביימער
וואָס פון אַלטקייט קיין שפּורן
ניט איך בין געבענטשט
מיט אַזאַ גורל, שוין יאָרן...

צעפּאָכעץ די אָרעמס

כ׳וואַליעס שפּרינגען איבער כוואַליעס,
מיט ימיקן צאָרן זיי יאָגן.
ביַי ברעגן, אין טיפֿע סקאַלעס,
אינעם שווימען זיי ווערן דערשלאָגן.

ווינטן — צעמעסערטע שטורעמס —
פֿון גאָטלאָזע שליַיפֿערס געשליפֿן,
צעשויבערט זיי צעפּאָכן די אָרעמס
ווירבלען ווי וואָלקנס איבער שיפֿן.

1984

הימלישע טויערן

גרויע מעת־לעתן.
צעווייקטע נעכט.
דער ים ווי דער הימל איז צעכוואַליעט.
די נידעריקע וואָלקנס
פאַרשוואָנגערטע מיט רעגן
האָבן פון שטעגן און וועגן
טײַכן שוין געמאַכט.

שוין פוסט, באַלד אַ וואָר,
זענען גאַסן און סקווערן;
די שיך אויף די פיס —
ווער וויל זיי דערטרענקען?
דאָס פײַפן פון ווינט,
אויך טויבע קאָנען הערן
און וועלן לאַנג, לאַנג
דאָס געדענקען.

ווער קאָן ציילן די פליוכנדיקע
נעכט און טעג? —
מײַן געמיט,
ווי אין קלעם צווישן שיפן
וואָס זוכן אין סכּנה אַ ברעג.

זענען די שעהען פון טאָג
הײַנט גיך אַנטרונען,
די לבנה פון איר שטערן־געלעגער
האָט פאַרגעסן צו קומען.

ווייס איך ניט צי איר שרעקט
די דונערס און די בליצן, —
צי די הימלישע טויערן
ווי אין אַ מבול צעריסן.
נאָר ס׳איז וואַך אין מיר ס׳געוויסן
צו יעדן קומענדיקן
רעגן.

1984

דער ווילדער שטורעם

ס׳האָט אַ דונער צעבראָכן דעם קאַרק
פונעם בוים דעם זקן,
ביַים געשלענגלטן שיידוועג
אַרום באַבוימטן באַרג
מיטן שטיבעלע ווי אַ פויגל־נעסט.

עס האָבן ווינטישע פינגער
צעקרישלט די פאַרדאַרטע בלעטער
פון די טויטע צוויַיגן.
נאָכן שטורעם דער אַרום
אין אַ בית־עולמדיק שוויַיגן,
ווי אַ געזונקענער אין תהום.

אַ פויגל, אַ פאַרבלאָנזשעטער גאַסט,
פליט שנעל אַוועק פון די וואָלקנבערגלער
נאָענט צום מאַכיקן שטיבל
וואָס איז סודותדיק פאַרפרעסט.

פאַרן מיר פאַרביַי,
שטעלן אָפּ זיך אויף אַ וויַילע
ביַים צעלעכערטן צודעק
פון דער טרוקענער ברונע,
ווו דער ווילדער שטורעם
האָט אויף שריט און טריט
געלאָזט אָפענע קברים.

1987

נאָענטע צום הימל

די ערשטע זונשפּראָצן —
טריפנדיקע פונקען —
צעלייַכטן דעם באַגינען.

וואָלקנס — שנייפעלדזן —
נידערן צו קופּאָלן
נאָענטע צום הימל.

דער ערשטער ווינטערטאָג
נאַקעט, אומפאַרשעמט,
רייַסט פון האַרבסט
די לעצטע שטיקער גאָלד
פון איר העמד.
רייסט
און
שענדט...

1985

אַרויס פון זכּרון

ס׳שטיקט זיך אין קלעם די ריזיקע שטאָט,
כאָטש נעם די פּיס אויף די פּלייצעס.
אַז אין זומפּ איז פאַרזונקען ס׳ראָד,
ליגן אין בלאָטע די בײַטש און די לייצעס.

די שטאָט איז געוואָרן ברייט און לאַנג,
ווי יעדע גאַס וואָלט אַ צווילינג געוואָרן.
איז הײַנט, אין ווײַטן גאַנג,
מײַן אַדרעס מיר אַרויס פון זכּרון...

1966

■

שורות אין פערזן,
געטאָקטע און געשליפן,
גליִען ווי פונקען
אויף אין ימיקע טיפן.

דער ניגון פון ליד
קאָן ווונדן פאַרהיילן ;
עפענען די טויערן
פון די ווײַטסטע מײַלן.

אין דער זאַמלונג:

פון אָנהייב

ער וואַכט אויף 9
פעדעם 10
ניט פאַרבאָרגן 11
אַנטלאָפן 12
צו מײַן שטעטעלע . . . 13
ווי ווײַן פונעם כּוס . . . 15
דײַן קול כ׳וועל הערן . . 16
פון יאָרן אַמאָל, א. ב. . . 17
אויף גאַסן פאַרשעמטע . 19
חשבון פון מײַנע יאָרן . . 20
אין נאָרמאַנדיע . . . 23
געליבטע מײַנע, 1. 2. . . 25
ערשטער מאַי אין נאָרמאַנדיע,
1944 . . . 28
אַ בית־עולם אָן קברים . . 29
ווי ס׳העמד אויפן לײַב . 30
אונטער שלאָס און ריגל . 31
אין שלאָף איך צאַפּל . . 33
* (שאַרפע מעסערס) . . 34
פרעג ניט 35
אויף דײַנע ברעמען . . 36
ניט אין מײַן בלוט . . 37
אין דער שפּעטער שעה . 39
אין אַ כאָר זיך צעלאַכט . 40
חוה׳ס געשטאַלטן . . 41
אייביק וועט זי שטיין פאַר
מײַנע אויגן . . 42
גן־עדן־עפּל. פון אַ בריוו . 43
אַ מתּנה 44
צירעלעע געדענקט . . 45
הערשעלעס חלום . . 46
אין טאָג פון בראָך . . 47
צו אַ דיכטער וואָס פרום איז 49
מיט שנײַדיקן בייז . . 51
די זוניקייט פאַרלוירן . . 52
איך באַוויין מײַן חבר . . 53
דערשלאָגן 54
אין שפּיטאָל 55
מײַן האַרץ צעקלעמט איז . 56
כ׳בין דער עדות . . . 57
באַקאַנטשאַפט. פאַרוואָס האָט
אַ שטײַן 58
פון די שכנים זיי ווײַכן . 59
עדות די געגנטן . . . 60
פאַרמבול זיי, אָ, גאָט . . 61

צוריקקום

* (פון די שטילסטע רייד) . 65
אויף שטיגן צום הימל . 66
דויערקייט 67
פון מײַן געבײַן . . . 68
פלאַם אינעם ליד . . 69
וויפל איז ווערט. ווי אַ פונק 70
* (פון די געשיכטע־ספרים) 71
אַ שטיין 72
יאָרן 73
צעליכטיקטע וועגן . . 74
* (אַ בויס אָן בלעטער) . 75
זײַן כוואַליק האַרץ . . 76
ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפּעט 77
פאַרן ליד 78
מײַן שרײַבשטוב . . . 79
צוריקקום 80
* (כ׳פיבער) . . . 81
פאַר טאָוולען גרייט, א.ב. . 82
קיין מאָל ניט פול . . 83
געבונדן 84
די עלעקטרישע גאונים . 85
צוויי ברידער ● געזייט אויפן ווינט 86
פאַרוואָס? 87
אויף קברים הייליקע . . 88
צוועלף מיליאָן אויגן . . 91
דאַרפסט קיינעם ניט דערציילן 92

דייַן נשמה זעטן. דעם אייַגענעם
שאָטן 93
אַ מינוט קאָן זייַן . . . 94
אַ גרוס פון דער שטאָט . . 95
אַן אויפרייס 96
כ׳וועל פאַרנעסטן אין אויער . 97
כ׳בין ניט קיין גאַסט . . . 98
אין שפיגל 100
זי ליגט ניט אויף אַ שאָל . 101
אַ היפּי רעדט 102
אַ זשאַווערדיקער גראָשן . 104
אַ ליד ווערט געבוירן, א. ב. 106
טיפער פון ים 108
דאָס ניט־דערזאָגטע ● דער פייַף 109
טויזנט מאָל 110
מייַן געוויסן 112
כ׳בין ווייַט 113
פון זומפיקע וועגן . . . 114
אַן אַלטער חשבון . . . 115
פון נייַעם וועג 116
אַ בוים אין שטורעם . . . 118
פערציק יאָר 119
דער פידל וויינט . . . 120
מייַן תּפילה . . . 121
ניט בלייַבן אַליין . . . 122
זכּרון 123
גאָלדענע פעדעם . . . 124
דער גלי פון אַ קנויט . . . 125
ס׳טרעפט 126
ניט דער איינציקער. אויפן
שמאָלן וועג . . . 127
אין קלעם 128
אויב 129
ביים קלאָרן זינען . . . 130
כ׳וועל דיר שרייבן אַ ליד . 131
הונגער 133
* (ווו ביסטו) 134
* (פון הערן) 135
צווישן יאָ און ניין . . . 136
מיט טוי אָנגעזויגן . . . 137
ניו־יאָרק ביינאַכט . . . 138
מיט ריטמישן קלאַנג . . . 141
* (פון די שטילסטע) . . . 142

שטעגן אין ליכט

* (כ׳בין געבענטשט) . . . 145
מיט זוניקייט צעבליט . . . 146
ליבשאַפט 147
איך זוך 148
* (אויפן וואָרט־יאַריד) . . 149
פון זיך ניט אַנטלויפן . . . 150
אַ ליד וועגן לידער . . . 151
ווער וועט וויסן ? . . . 153
ווייַט פון שטויב . . . 154
אַ סך גרינגער 155
כ׳וויס שוין פון לאַנג . . 156
אַן טיר־און־טויער . . . 157
וואָס געגליט האָט אין הארץ 158
איך בין מקנא. זאָנגען . . 159
פאַראַן אַזאַ וואָרט . . . 160
אַ גרוס פון אַ נייַער שטאָט . 161
אַ זוניק געשטאַלט . . . 162
כ׳וועל שוין קיינמאָל . . . 163
ח״י טויבן 164
קריעה 1973 165
ווער האָט צעפּראַלט פון
גהינום די טירן ? . . . 166
דער לויטערסטער קוואַל . 167
ירושלים 168
אויפסנייַ געבוירן . . . 170

אין צייַטן פון יאָר

אין די צייַטן 177
אַן חרטה, א. ב. . . . 178
די ווייַטסטע שטערן, א.ב. . 180
כ׳האָב ליב 181
* (כ׳בין פאַרליבט) ● שקיעה 182
פרילינג־וויגן 183
מיר וועלן אייַך דערציילן.
דער טעם אויפן גומען 184
ליכטיקייט געבראַכט . . . 185
געטלעכע געשטאַלטן . . . 186
ביי יעדן שפּאַן . . . 187
* (דער צאַרטער רעגן) . . 188
וואָלקנס מיט פליגל . . . 189
פון שטורעם די בלעטער . 190
אַ חלף פון פונקען . . . 191

אַ מידע פון רוען . . 192
דער קאָפּ פון באַרג . . 194
אויף אַ האָר . . . 195
פון שלאָף מיך צעוועקט . 196
די זון האָט צעגליט . . 197
אַ פײַערדיק ראָד . . 198
טרערנדיקע שויבן . . 199
פון שטראָלן צעקעמט . . 200
דער בוים אין מײַן גאָרטן . 201
דער פראָסט בליט . . 202
פאַרן ניגון פון מײַן ליד . 203
העליש צעברענט . . 204
אַ ליד ווערט געבוירן . 205
ווער קאָן בינדן דעם ווינט? 206
אויב באַשערט אַמאָל . . 207
מײַן שאָטן פרירט אויפן וועג 208
קיין ליכטיקער טראָפּן . . 209
ווינטער־גרוסן . . . 210
זוניקער פונק . . . 211
הונגעריק פּנים . . . 212
דורך מײַן שויב . . . 213
קיין סימן 214
אָן אַ צייכן פון פונקען . 215
מיט פרילינגדיקן ניגון . 216
באַזונט 217
דעם ים אַנטרינקען . . 218
בליצן און דונערס.
ווינט און רעגן . . 219
שוין יאָרן 220
צעפּאָכען די אָרעמס . . 222
הימלישע טויערן . . . 223
דער ווילדער שטורעם . . 225
נאָענטע צום הימל . . 226
אַרויס פון זכרון . . . 227
* (שורות אין פערזן) . 228

ביכער פון זעלבן מחבר:

אויף מײַנע וועגן, לידער,

פֿאַרלאַג, י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1978, 188 זײַטן.

מיט אָפֿענע אויגן, לידער,

פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1984, 310 זײַטן.

פֿון שטעטל ביז נאָרמאַנדיע, דערציילונגען

מיט אַן אַרײַנפֿיר פֿון אליעזר וויזעל

פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אביב 1987, 288 זײַטן.

צעשטערנטע קלאַנגען, לידער

פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תל־אביב 1988, 200 זײַטן.

בשערי האור, שירים

אַ בינטל לידער איבערגעזעצטע אין עברית

פֿאַרלאַג „ספרית פועלים", תל־אביב 1989, 96 זײַטן.